סיני, און האט געזאגט פאר זיך (און האט דערביי געהאט די נשמה פון זיין אור איינקל) נעשה ונשמע - אז ער וועט טאן אלעס וואס דער אויבערשטער וועט אים שיקן צו טאן,

טענה'ט ער: פון דעמאלט זיינען דאך דורכגעגאנגען אזוי פיל דורות, און זיין נשמה האט אפילו בא די עלטערן זיינע אויך ניט געזעהן אט די אויפפירונג פון טאן מיט מס"נ און מיטן גאנצן הארצן און מיט אלע מעגליכקייטן און כחותנות, אויף פארשפרייטן אידישקייט און גוטסקייט בכל מקום שידו מגעת - וואו נאר ער קען דערגרייכן, און דאס טאן אין די גרעסטע מאס וואס ער קען און נאכמערער - "בכל מאדך",

איז אין דערויף אויך דא אן אפלערנונג פון דער מגילה, וואס מ'קען דאס ארויסקריגן דורך מפרש זיין א רש"י אין דער מגילה (כרגיל אין די התועדויות פון די לעצטע יארן צו מפרש זיין א פירוש רש"י) וואס איז לכאורה ניט פארשטאנדיק, און דערנאך זעט מען ווי אזוי רש"י האט דאס באווארנט אז ער מוז אזוי לערנען,

און דאס איז א רש"י גלייך אין אנהויב פון דער מגילה וואס איז פארבונדן מיט א רש"י אין דעם לערצן פסוק פון דער מגילה,

וואס אויף "ויהי בימי אחשורוש הוא אחשורוש המולך מהודו ועד כוש שבע ועשרים ומאה מדינה", וואס דער פירוש הפשוט אין דעם איז, "ויהי בימי אחשורוש" - ס'איז געווען אין די צייטן פון אחשורוש'ן, און דערנאך אזוי ווי ס'קען זיין אז עס זיינען געווען עטליכע אחשורוש'ן, אדער מ'ווייס נאך ניט די גרויסקייט פון אחשורוש'ן, זאגט דער פסוק אז דאס איז אט דער אחשורוש וואס איז געווען א מלך איבער הונדערט זיבן און צוואנציק מדינות - איבער די גאנצע וועלט, וואס דאס איז דער פירוש הפשוט אין פסוק.

שטעלט זיך רש"י אויף "הוא אחשורוש" און זאגט: "הוא ברשעו מתחלתו ועד סופו", ד.ה. אז ניט דער "הוא אחשורוש" גייט דאס אויף אראפ - "אחשורוש המולך על שבע ועשרים ומאה מדינה", ווארום דעמאלט וואלט בעקענט שטיין קירצער - "ויהי בימי אחשורוש המולך על שבע ועשרים ומאה מדינה",

נאר וואס איז דער טייטש "אחשורוש הוא אחשורוש", אז דער צווייטער אחשורוש גייט נאר אויף ארויף, אז דאס איז דער זעלבער אחשורוש, און ווי ער איז געווען בתחילתו אזוי איז ער געווען בסופו.

ולכאורה איז ניט פארשטאנדיק: וואס דארף רש"י דאס ארויס-נעמען פון פירוש הפשוט אז דער אחשורוש גייט אויף אראפ? מען געפינט דאך כמה פעמים אין חומש אזא לשון, ולמשל - "הוא משה ואהרן" (שמות ו,כו), און דערנאך שטייט "הוא אהרן ומשה המדברים אל בני ישראל", ועד"ז געפינט מען בכמה וכמה מקומות, איז פארוואס טייטשט רש"י דא ווי עס שטייט אין מדרש, אז אחשורוש הוא אחשורוש אן קיינע ענדערונגען?

איז דער ביאור בזה וועט מען פארשטיין עפ"י א צווייטע רש"י - די לעצטע רש"י אין מגילה, וואס דארט איז אויך דער פשט אינגאנצן ניט פארשטאנדיק.

וואס

וואס אין דעם לעצטן פסוק פון מגילה שטייט "כי מרדכי היהודי משנה למלך אחשורוש וגדול ליהודים ורצוי לרוב אחיו וגו'", שטעלט זיך רש"י אויף "לרב אחיו" און זאגט: ולא לכל אחיו, מלמד שפרשו ממנו מקצת סנהדרין לפי שנעשה קרוב למלכות והי' בטל מתלמודו, אז א טייל פון אחיו (וואס ער איז דאך געווען א חבר אין סנהדרין), איז א טייל פון די סנהדרין פרשו ממנו – און ער איז בא זיי ניט געווען רצוי,

און רש"י ברענגט אראפ – בכדי אז אפילו א בן חמש למקרא זאל אויך פארשטיין [דלכאורה, מרדכי האט דאך מציל געווען אלע אידן פון המן'ס גזירה, איז פארוואס איז ער געווארן אויס רצוי לרוב אחיו דוקא ווען ער איז געווארן משנה למלך אחשורוש?], אז ווייבאלד ער האט זיך פארנומען מיט עניני מלכות האט ער זיך ניט געקענט פארנעמען מיטן לערנען ווי פריער – מיט תלמודו, איז ווייבאלד בא אים האט געפעלט אין לימוד התורה בהתמדה ווי פריער, זיינען מקצת סנהדרין ניט געווען פון אים צופרידן.

דא ווערט אבער גלייך די שאלה אויף מרדכי'ן: מרדכי איז דאך געווען איינער פון די סנהדרין, און ער האט געוואוסט די גרויסקייט פון תורה, און ווי מ'זעט דאך אז פריער האט ער געלערנט תורה ווי אלע חברים פון סנהדרין, איז פארוואס האט ער טאקע דערנאך אנגענומען די שטעלע פון משנה למלך, וואס דאס האט בא אים צוגענומען די מעגלעכקייט פון לערנען תורה ווי ער האט געלערנט פריער?

בשלמא איידער די גזירה איז בטל געווארן האט ער געדארפט זיין בשער המלך און זיך עוסק זיין אין מבטל זיין די גזירה, ווייבאלד אבער אז דער פסוק אליין זאגט אז ער איז שוין געווען "משנה למלך אחשורוש", ועאכו"כ אז ס'איז ניט געווען קיין שיור און רושם פון גזירת המן, און ווי די מגילה דערציילט פריער אז "נפל פחד היהודים עליהם", ווערט דאך איינגאנצן ניט פארשטאנדיק: ווי קומט עס אז מרדכי האט זיך פארנומען מיט א שטעלע? אמת טאקע א גרויסע שטעלע – "משנה למלך אחשורוש", אבער מרדכי וואס איז געווען דער גרעסטער פון די סנהדרין האט אים ניט געקענט אפרייסן פון לימוד התורה, אפילו די גרעסטע שטעלע וואס עס קען זיין, ביז "משנה למלך אחשורוש",

און דערפאר האט רש"י געדארפט מפרש זיין אין תחילת המגילה, אז אעפ"י אז גזירת המן איז בטל געווארן און אחשורוש האט אפגעגעבן המן'ס טבעת צו מרדכי'ן, און מ'האט אים ממנה געווען "על בית המן", און ער האט אים געמאכט פאר א משנה למלך, איז ניט דער פירוש אז אחשורוש האט זיך געביטן, ווארום ווען אחשורוש וואלט זיך געביטן וואלט מרדכי געקענט אוועקגיין צוריק אין סנהדרין און זעצן זיך לערנען מיט סנהדרין, מרדכי האט אבער געזען אז "אחשורוש הוא אחשורוש", מתחילתו ועד סופו איז דאס דער זעלבער אחשורוש. ער האט קיין ברירה ניט געהאט, האט ער געמוזט אפגעבן די טבעת מרדכי'ן און געמוזט זאגן "כתבו על היהודים כטוב בעיניכם", אבער מרדכי האט געזען וואס עס טוט זיך מיט אחשורוש'ן, אז דאס איז דער זעלבער אחשורוש וואס ס'איז געגאנגען צוזאמען מיט המן'ען,

און ווי

און ווי עס שטייט אין מדרש אז אחשורוש האט געוואלט פטור ווערן פון די אידן פונקט ווי המן האט געוואלט פטור ווערן, און ווי ס'שטייט אויך בפשטות אין דער מגילה, אז ניטא ז המן האט עפעס געדארפט טאן געוואלדיקע ענינים אויף פועל'ן אויף אחשורוש'ן און ווי נאר ער האט אים געגעבן א פאר דאלאר האט ער גלייך מסכים געווען,

און אחשורוש האט דאך דאס ניט געטאן צוליב די געלט פון די אידן (ניט ווי אין שפאניע וואס בשעת מ'האט געמאכט א גזירה אויף אידן איז דאס געווען צוליב צונעמען זייערע געלט), ווארום אחשורוש האט געזאגט "והכסף נתון לך", ער וועט פון די געלט קיין הנאה ניט האבן, און אעפ"כ סוס ער דאס אבי באפרייט ווערן פון אידן, איז אז מרדכי האט געזען אז אחשורוש האט מבטל געווען די גזירה און האט אים געמאכט פאר א משנה למלך, געדיינקט מרדכי אבער אז "אחשורוש הוא אחשורוש" - מתחילתו ועד סופו, און טאמער היט מען ניט אז אימעצער זאל ניט איבעררייסן דעם מלך טיפש, איז רעכט אז מארגן אין דערפרי וועט ווייטער זיין א גזירה, און דעריבער האט מרדכי קיין ברירה ניט געהאט, און האט געמוזט בלייבן א קרוב למלכות, און דערפאר איז רוב סנהדרין האבן געהאלטן מיט מרדכי'ן, און מערנים ווי מקצת סנהדרין פרשו ממנו,

און דאס איז רש"י מכריח, ווארום וויבאלד אז אין פסוק שטייט "ורצוי לרוב אחיו", מוז מען דאך זאגן אז דא איז געווען אן ענין וואס מקצת סנהדרין זיינען דערפון געווען ניט צופרידן, מוז מען דאך זאגן אז ס'איז געווען עפעס א טעם בא מרדכי'ן אז אעפ"כ זאל ער יע אננעמען די שטעלע בא אחשורוש'ן, איז וואס פאר א טעם קען דא זיין? אז ס'איז בטל געווארן די גזירה, און ורבים מעמי הארץ מתיהדים כי נפל פחד היהודים עליהם וכו', איז דערפאר זוכט רש"י אין דער מגילה וואו איז דאס די מגילה מבאר, און האט דאס געפונען גלייך אין אנהויב, אז "ויהי בימי אחשורוש" - די גאנצע צייט וואס אחשורוש איז געווען א קיסר איז געווען "אחשורוש הוא אחשורוש" - מתחילתו ועד סופו.

און דאס לערנט אונז די מגילה בנוגע צו א אידן: אויב אחשורוש וואס האט געוואלט מאכן א משתה צוליב זיין אייגענעם כבוד, האט ער ניט געמאכט א משתה וואס עס זאל זיין גרעסער פון דעם אפעטיט פון די איינגעלאדנטע, נאר א משתה לויט זייער פארנעם און זייערע מעגליכקייטן,

ועד"ז: אויב בהנוגע צו אחשורוש'ן, זאגט מען אז ער איז מתחילתו ועד סופו דער זעלבער, איז זיכער אזוי ביי א איד, אז א איד דארף וויסן אז מתחילתו ועד סופו איז ער דער זעלבער, עס קען זיין אז אין מיטן מישט זיך אריין דער מלך זקן וכסיל, און מאכט א בלבול מיט א טומל און כאפט אריין א שוואכן מינוט וכו' והנ' און איז מסית ומדיח אז מ'זאל א ווילע זיך ניט פירן ווי מ'האט זיך געדארפט פירן, אבער זאגט אז דערפאר האט ער ה"ו אנגעווארן זיין שטארקייט - הויבט זיך ניט אן!

אויב אחשורוש איז "הוא אחשורוש" מתחילתו ועד סופו, איז עאכו"כ אז א איד וואס לייענט די מגילה איז ער זיכער דער זעלבער מתחילתו ועד סופו, און אויב ער איז געבארן געווארן בא פרומע עלטערן



הנחת הת' בלתי מוגה

עלטערן און האט געלערנט אין א פרומען חדר קמץ אל"ף אָ, איז דאס איינגעפונדעוועט געווארן, און ביז הונדערט און צוואנציק יאר איז ער דער זעלבער מתחילתו ועד סופו, [און ווי דער רבי דער נשיא שרייבט אין א מאמר אז קמץ אל"ף אָ איז פארבונדן מיט אנכי הוי' אלקיך וואס הויבט זיך אויך אן מיט קמץ אל"ף אָ].

אפילו אזא וואס מאיזה סיבה שתהי' איז זיין נשמה אראפגעקומען אין א גוף בא אזוינע עלטערן וואס זיי זיינען שוין אויך פארבלאנדזשעט, אבער ביי זיין עלטער זיידע [און ביי זיין נשמה] איז געווען זיין תחילתו וואס ער איז געשטאנען בייט בארג סיני און האט געזאגט בלבב שלם "נעשה ונשמע", און דאס האט מען אין אים אריינגעגעבן די קבלת התורה אין ווי עס שטייט אין מגילה "קימו וקבלו" - קימו מה שקבלו כבר (אסתר ט,כז. שבת פח,א), אז אין פורים ווערט נאכאמאל באנייט און אויפגעוואכט דער "נעשה ונשמע", ביז אין אן אופן אז ס'איז ניטא קיין מודעא לאורייתא, און עס ווערט דער "נעשה ונשמע" עד סוף כל הדורות און בא יעדער אידן עד סוף ימיו, און דאס ווערט אפט אנקומען אין אן אופן פון אורה שמחה וששון ויקר.

דערביי איז אויך בחור מאמר המוסגר, וויבאלד אז מ'רעדט שוין וועגן דעם פסוק איז אויך דא די צוויי ענינים וואס מ'דארף באווארענען, דער ענין וואס די מגילה איז מדגיש "ושללם לבוז", איז ווי גערעדט שבת, איז דאס כדי צו באווייזן דעם חילוק צווישן אידן ביז ניט אידן, אז בא ניט אידן איז דער עיקר "ושללם לבוז", און בא אידן איז דער עיקר ענין "להקהל ולעמוד על נפשם" ובמילא איז "ובבזה לא שלחו את ידם" - זיי האבן קיים שייכות ניט מיט דעם און דאס פארנעמט בא זיי קיין ארט ניט, וואס דאס איז אין דרך הפשט

דערביי איז אויך דא א געשמאקער ענין אין הלכה: דער דין (סנה' מח,ב) איז אז "הרוגי מלכות נכסיהם למלך", איז אויב מ'וואלט ניט געשריבן אין דער גזירה אז "ושללה לבוז", איז ניט דער פשט אז מ'ווייסט ניט וואס עס דארף זיין מיט זייערע נכסים, נאר עס דארף זיין נכסיהם למלכות. וואס איז דאס נוגע צו דער גזירה? איז בשעת מ'האט געזאגט די עמי הארץ, הערט זיך איין: "להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים" און איר וועט נאך האבן די געלט אויך, וואלטן זיי סאקע דאס געטאן געשמאקער; אויב אבער מ'וואלט ניט געשריבן "ושללם לבוז", וואלט דאך בא זיי אויסגעקומען אז מ'זאל הרג'ענען אידן און די געלט וועט צונעמען אחשורוש, איז זאת לא! און עס וואלט געווען א סך גוים וואס וואלטן זיך געפוילט, און מען וואלט דאס אפשר גארניט געטאן אויך.

און דערפאר איז מען מדגיש אין ועל הנסים "ושללם לבוז", ווארום דאס ווייזט אויף דער גודל הגזירה, אז המן הרשע האט געוואלט מאכן א גזירה אויף אידן, האט ער באווארנט אז ער זאל האבן אט די וואס וועלן אים ארויסהעלפן, און דאס האט געמוזט גיין דורך אנדערע פעלקער, האט ער געטאן אלע ענינים אז זיי זאלן טאן ווי ער וויל, און דערפאר האט ער געמוזט מוסיף זיין [און מ'איז דאס מדגיש אין ועל הנסים] און מודיע געווען אז עס וועט זיין "ושללם לבוז".

אוּן ווי

[און ווי מען האט דאס געזען ר"ל אין די גזירות ושמדות פון אונזער דור אז דאס וואס ס'איז געווען ושללם לבוז האט דאס מכשיל געווען אפילו אזוינע גוים וואס זיי זיינען געווען כל ימיהם באפריינדעט מיט אידן, אין דייטשלאנד צי אין פוילין צי אין ליטא וכיו"ב, אבער בשעת זיי האבן זיך דערוואוסט אז ס'וועט זיין ושללם לבוז, האבן זיי פארגעסן אויף כל הענינים אבי צו ממלא זיין דעם רצון פון דעם המן פון דעם דור],

און אויך בתור מאמר המוסגר איז כאן המקום לבאר, וואס לכאורה איז מבה נפשך: אויב מרדכי האט געטאן ניט ווי עס דארף צו זיין, מיט ווערן א משנה למלך, איז פארוואס איז ער געווען רצוי לרוב אחיו? און אויב ער האט יע געטאן ווי עס דארף צו זיין, איז פארוואס איז כרשו ממנו מקצת סנהדרין? איז דאך א סימן אז עס קען זיין אין תורה צוויי שיטות אין דעם, איז וואו געפינט מען אין דערוף די צוויי שיטות?

איז דאס א פלוגתא צווישן בבלי און ירושלמי. וואס אין מס' ברכות (לב,ב) שטייט אז חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת ומתפללים שעה אחת ושוהים שעה אחת – אז יעדער תפלה האט בא זיי פארנומען דריי שעה, און אזוי ווי ס'איז דאך דא דריי תפלות ביום, שחרית מנחה און ערבית, איז ניין שעה א טאג איז בא זיי אוועקגעגאנגען אויף עבודת התפלה,

פרעגט אויף דעם די גמרא, וויבאלד אז תפלה נעמט בא זיי ניין שעה, "תורתם מתי נעשית ומלאכתם מתי נעשית?" ווען האבן זיי געהאט צייט אויף טאן מלאכה כדי צו האבן פרנסה?

און די גמרא ענטפערט "מתוך שחסידים הם [וויבאלד אז זיי האבן זיך עוסק געווען אין עניני חסידות אריכות התפלה וכו', דערפאר האבן זיי געהאט די ברכה פון דעם אויבערשטן אז] תורתם משתמרת ומלאכתם מתברכת", אז אין זכות פון דעם וואס זיי זיינען געווען חסידים, איז תורתם משתמרת, אז זיי האבן ניט פארגעסן וואס זיי האבן געלערנט ["משתמרת", ס'האט זיך אנגעהיט, אעפ"י וואס זיי האבן ניט געהאט גענוג צייט אויף איבער חזר'ן דאס], ומלאכתם מתברכת – אין א ביסל מלאכה האבן זיי געהאט א סך ברכה.

וואס ווייס מען דערפון, אז דער דין איז, אז אויב אפילו חסידים הם, אז מ'טוט זאכן וואס זיי זיינען אין אן אופן פון חסידות, איז אויף מלאכה העלפט דאס אז ס'זאל זיין מתברכת, אז ס'זאל צוקומען שלא בדרך הטבע, אבער ביי תורה שטייט ניט תורתם מתברכת, נאר עס שטייט תורתם משתמרת – אז אט דאס וואס ער ווייס פארגעסט ער ניט.

בשעת מרדכי איז געווארן דער משנה למלך און ער האט זיך געדארפט פארנעמען מיט עסקי המלכות אויף באווארענען פון א גזירה, ווערט דאך די שאלה: "תורתם מתי נלמדת ומלאכתם מתי נעשית?" איז לויטן בבלי איז אין מלאכה האט אים ניט געפעלט ווארום מלאכתו מתברכת, בהנוגע אבער צו תורה איז אים ניט צוגעקומען, און מער ניט וואס משתמרת, איז דעריבער פרשו ממנו מקצת סנהדרין,

וואס דאס איז די גמרא אין בבלי, און דער זעלבער ענין [די זעלבע משנה און די זעלבע קשיא] איז אויך דא אין ירושלמי (ברכות ה,א).

אין

אין ירושלמי שטייט אבער אן אנדער לשון אין דעם תירוץ: "מתוך שחסידים הם ברכה ניתנה בתורתם וברכה ניתנה במלאכתם". ד.ה. אז ניט נאר ער פארגעסט ניט די תורה, נאר אים קומט נאך צו זיין תורה, און ווי רש"י ברענגט דארטן אז "במעט עיון" [ביז אז ער דארף הארעווען און עס ווערט בא אים א קשיא מיט א שאלה מיט א רמינהו ביז וואנעט ער קומט צו צו דעם אמת, וואס אויף דעם דארף מען דאך האבן א סך צייט, גאר גלייך ווי ער הויבט אן לערנען] פאלט אים גלייך איין די ריכטיקע סברא.

ובמילא איז לויט די נסהדרין וואס האבן געהאלטן לויטן ירושלמי, איז דאך געווען תורתו מתברכה - האט מרדכי געהאט ביידע זאכן, אי תורה אי חסידות.

עפי"ז איז אויך פארשטאנדיק פארוואס איז דאס א פלוגתא פון בבלי און ירושלמי, וואס דער חילוק פון בבלי און ירושלמי איז אין דעם אופן הלימוד, אופן הלימוד אין בבלי איז [במבואר באריכה אין שערי אורה פון מיטעלן רבי'ן (ד"ה בכ"ה בכסלו, פנ"ד)] געווען אין אן אופן פון קשיות און רמינהו'ס וכו', ווי מ'זעט דאס בפשטות אין תלמוד בבלי, און ווי די גמרא (סנה' כד,א) זאגט "במחשכים הושיבני - זה תלמוד של בבלי", אז בשעת מ'הויבט אן לערנען גייט מען אין דער פינצטער, און מ'דארף טראכטן און פרעגן קושיות און פאנאנדערקלייבן זיך ביז וואנעט מ'געפינט דעם אמת'ן פשט, און דאס איז דער אופן הלימוד פון תלמוד בבלי; תלמוד ירושלמי אבער, איז ניט במחשכים, נאך גלייך ווי מען גייט צו געפינט מען גלייך די ריכטיקע סברא.

און ווי גערעדט אמאל באריכה דעם חילוק פון תשובות האחרונים ותשובות הראשונים, אז בא תשובות הראשונים געפינט מען אין עטליכע שורות, און ווי מ'זעט אין תשובות הרמב"ם, אז עס ווערט געבראכט די שאלה, און עס שטייט גלייך דער ענטפער און דערנאך חתמ'ט ער "ואמר משה" און דערמיט איז פארענדיקט די תשובה. אז עס קומט צו תשובות האחרונים - מ'רעדט פון אחרונים פון גדולי ישראל - געפינט מען גאנצע אריכות מיט א שקלא וטריא אהין און צוריק, און די נפק"מ איז, בא ראשונים וואס זיי זיינען געווען כמלאכים איז אלעס געווען ליכטיק,

און ווי ס'איז דער משל אז בשעת מ'געפינט זיך אין א ליכטיקן צימער און מ'זוכט עפעס אין דעם צימער זעט מען דאס גלייך און מען גייט צו און מען נעמט דאס, און מ'ווייס אז דאס איז א פענסטער און דאס איז א טיר און דאס איז א טיש וכו', בשעת אבער אז אין צימער איז ניט ליכטיק, דארף מען אנהויבן טאפן, זעט מען אז ס'איז א לאך ווייס מען ניט צי דאס איז א פענסטער צי דאס איז א טיר, און צי דאס איז א טיר אין באפעט, ובמילא דארף מען פרואוון פון דער זייט און פון יענער זייט, ביז וואנעט מען קומט לידי החלטה אז ס'איז ניט קיין פענסטער און ס'איז ניט קיין טיר נאר עס שטייט א גרויסער טאפ און דאס איז דער לאך פון טאפ, ובמילא גייט מען אוועק ווייטער זוכן ביז וואנעט מען קומט צו דעם אמת,

וואס דערפאר איז אין תלמוד ירושלמי וואס זיי זיינען געווען געוויינט צו דעם אופן הלימוד אז "במעט עיון" ווייס מען שוין

שוין דעם שכל, איז ביי חסידים הראשונים לשיטת הירושלמי תורתם ניט נאר משהמרת נאר אויך מתברכת,

וואס דערפאר איז מרדכי וואס "הגלה מירושלים" איז ער געגאנגען מיט דער שיטה אז תורתם מתברכת, אבער אין סנהדרין זיינען דאך געווען ע"ד ווי "הלל הבבלי עלה מבבל" (פסחים סו,א), ועד"ז איז אויך געווען בימי מרדכי אזוינע [וואָרום מסתמא איז געווען מכל הארצות], און דערפאר איז "מקצת סנהדרין פרשו ממנו" דערפאר וואס זיי זיינען געגאנגען מיטן אופן הלימוד פון בבל, איז ביי זיי געווען מערנים ווי הורתם משהמרת און דערפער איז פרשו ממנו, וואס עד כאן איז דער מאמר המוסגר.

בנוגע לענינינו, איז ווי גערעדט פריער, גלייך ווי מען הויבט אן לערנען די מגילה שטייט "ויהי בימי אחשורוש", וואס פאר א צייט עס זאל ניט זיין, עס מעג זיין די שווערסטע צייט, ע"ד ווי "אחשורוש — השחירו פניהם של שונאי ישראל כשולי קדירה", און ווי ער זאגט אין מדרש אז ער איז געווען א מלך קפה, זאל מען וויסן אז אויב מען וויל מיט אן אמת, איז "אחשורוש הוא אחשורוש" - קען ער ניט נתפעל ווערן, און ניט נאר ניט נתפעל ווערן פאר דער וועלט, נאר ניט נתפעל ווערן פאר זיין אייגענעם עבר, ווי ער האט זיך געפירט נעכטן און אייער-נעכטן און מיט א יאר פריער,

וואָרום וויבאלד אז ס׳איז דא ביי אים בחירה, איז אויב ער וועט נאר וועלן מיט אן אמת, וועט ער זיין אחשורוש הוא אחשורוש מתחילתו ועד סופו,

ועאכו"כ בנוגע צו א איד, וואס בא יעדער איד איז דאך "נפש השנית בישראל היא חלק אלקה ממעל ממש" (תניא רפ"ב), איז אזוי ווי באם אויבערסטן איז ניט שייך קיינע שינויים, "אני הוי׳ לא שניתי" (מלאכי ג,ו), עד"ז איז ניטא קיינע שינויים ביי אידן, און "אפילו בשעת החטא היתה באמנה אתו", וואס דערפאר איז וואס פאר א איד עס זאל ניט זיין און ווי ס׳איז בא אים ניט געווען מיט א האלבע שעה פריער צי מיט א מינוט פריער, איז ער א גאנצער בעה"ב אויף זיך אז ס׳זאל זיין "אעיקרו קאי", ער זאל זיך אומקערן צו זיין עיקר און שורש און מקור, וואס דאס איז ווי ער איז געשטאנען ביים בארג סיני, זיין נשמה, און האט דארט געזאגט "נעשה ונשמע",

און דאס ברענגט ער אראפ דערנאך אין דער נשמה בגוף, אין דעם זמן און אין דעם מקום, און לערנט תורה און איז מקיים מצות כולל דעם "ואהבת לרעך כמוך", פארשפרייטן אידישקייט צו יעדער אידן צו וועלכן ער קען דערגרייכן, און טוט דאס בשמחה ובטוב לבב, און דאס ברענגט דעם "מאיר עיני שניהם הוי׳" (משלי כט,יג), אז ביידע האבן "אורה ושמחה וששון ויקר".

ח. אזוי ווי מ׳קען אפלערנען כמה לימודים ופרטים פון די פרטים פון דער מגילה, קען מען אויך לערנען א הוראה פון דעם נאמען פון מגילה, וואס דאס איז אן ענין כללי, וואָרום וויבאלד אז "ר׳ מאיר דריש בשמה", און ווי דער אלטער רבי ברענגט אראפ אין שער היחוד והאמונה (בהתחילתו) פון כתבי האריז"ל, אז "השמות שנקראים

בפסוק זה נאמר, שלאחר שנתבטלה גזירת המן הי' מרדכי "משנה למלך אחשורוש גו' ורצוי לרוב אחיו".

ומפרש רש"י: "לרוב אחיו — ולא לכל אחיו" (דהיינו שהוקשה לו למה נאמר "לרוב", ולא נאמר סתם "ורצוי לאחיו", כמ"ש לאח"ז "דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו"),

"מלמד שפירשו ממנו מקצת סנהדרין" (שהם "אחיו" של מרדכי, שהי' חבר הסנהדרין, ולכן הי' רצוי רק "לרוב אחיו" ולא לכולם, כי לאותו מקצת שפירשו לא הי' רצוי),

ומוסיף רש"י לפרש את הטעם שפירשו ממנו (דלכאורה, הרי מרדכי הציל את ישראל מגזירת המן, ואיך אפשר שדוקא אז, כשנעשה "משנה למלך אחשורוש", יהי' רצוי רק "לרוב אחיו" — וכי מה החסרון בדבר?!), באופן שאפילו "בן חמש למקרא" יוכל להבין זאת — "לפי שנעשה קרוב למלכות והי' בטל מתלמודו", דהיינו שכיון שהתעסק בעניני המלכות לא הי' באפשרותו לעסוק בתלמודו בהתמדה כקודם לכן, ולכן לא הי' רצוי למקצת הסנהדרין.

אלא שעפ"ז נשאלת השאלה על מרדכי גופא:

כאמור, מרדכי הי' מחברי הסנהדרין, וידע את גדלותה של התורה, והראי' — שקודם לכן למד תורה ככל חברי הסנהדרין; ואם־כן — מדוע קיבל את משרת ה"משנה למלך", דבר שנטל ממנו את היכולת ללמוד תורה כפי שלמד קודם לכן?

בשלמא קודם שבטלה הגזירה — הי' עליו להיות "בשער המלך", כיון שהי' עליו לעסוק בביטול הגזירה; אבל עתה, לאחר שבטלה הגזירה (וכיון שהציעו לו להיות "משנה למלך אחשורוש" — מובן במכ"ש וק"ו שלא הי' כל שיור ורושם מגזירת המן, וכפי שהמגילה מספרת קודם לכן בארוכה ש"נפל פחד היהודים עליהם") — איך יתכן שהסכים לקבל על עצמו להתעסק במשרה זו?

אמנם "משנה למלך אחשורוש" היא משרה חשובה כו', אבל לגבי מרדכי, הגדול שבסנהדרין — אינו מתקבל על הדעת שיתבטל מלימוד התורה אפילו כדי לקבל את המשרה הגדולה ביותר, "משנה למלך אחשורוש"!



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פארברענגען עם הרבי - ב (י) : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (6){ 37 } עמוד מס : 13 הודפס ע"י אוצר החכמה

י. וזהו ההכרח לפרש״י בתחילת המגילה — ״הוא כו׳ מתחלתו ועד סופו״:

מכיון שבכתוב נאמר ״ורצוי לרוב אחיו״ — בהכרח לומר שהי׳ בהנהגתו ענין ש״מקצת סנהדרין״ לא היו מרוצים ממנו (כנ״ל), ולאידך בהכרח לומר שהי׳ למרדכי טעם לכך שאעפ״כ קיבל את המשרה מאחשורוש;

אלא שלכאורה, איזה טעם יכול להיות לכך, והרי בטלה הגזירה, ״נפל פחד היהודים עליהם״, ״ורבים מעמי הארץ מתייהדים״ (כנ״ל)?

ולכן חיפש רש״י היכן מבארת המגילה עצמה את הטעם להנהגת מרדכי, ומצא זאת מיד בהתחלת המגילה:

מיד לאחר הפתיחה ״ויהי בימי אחשורוש״ — מוסיף הכתוב ואומר שבמשך כל ימי מלכות אחשורוש ״הוא אחשורוש״, ״הוא כו׳ מתחילתו ועד סופו״.

ואע״פ שגזירת המן בטלה, ואחשורוש נתן את טבעת המן למרדכי ואמר לו ״כתבו על היהודים כטוב בעיניהם״, מינהו ״על בית המן״ ומינהו ל״משנה למלך״ וכו׳ — אין זה אלא משום שלא היתה לו ברירה, אבל אחשורוש מצ״ע — ״הוא אחשורוש״, אותו אחשורוש ששיתף פעולה עם גזירת המן.

[וכמבואר במדרש, שרצונו של אחשורוש להיפטר מהיהודים הי׳ באותו התוקף ממש כרצונו של המן.

וכדמשמע גם מפשטות סיפור הדברים במגילה, שהמן לא הוצרך לעשות ענינים נפלאים כו׳ כדי לפעול ענין זה אצל אחשורוש, אלא די הי׳ בכך שנתן לו כמה ״דולרים״... — ואחשורוש הסכים לכך מיד!

ולא משום שרצה לזכות בממונם של היהודים (כפי שאירע בגלות ספרד וכיו״ב, שגזרו גזירות על היהודים כדי ליטול מהם את ממונם), שהרי אחשורוש אמר ״ושלם לבוז״, כלומר שהוא עצמו לא ייהנה מהממון כלל, ואעפ״כ גזר את הגזירה, ובלבד שייפטר מהיהודים].

אילו השתנה אחשורוש לאחר ביטול הגזירה — הי׳ מרדכי יכול לחזור אל הסנהדרין ולעסוק בלימוד תורה יחד עמהם; אבל כיון שמרדכי ידע



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פארברענגען עם הרבי - ב (י) : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (6) {37} עמוד מס : 14 הודפס ע״י אוצר החכמה

ש"אחשורוש הוא אחשורוש", "מתחילתו ועד סופו" — ידע מרדכי, שאם לא יהי' מי שישמור על אחשורוש, שלא יבוא מישהו ויסית אותו מחדש (להיותו "מלך טיפש"...) — ייתכן שלמחרת בבוקר תהי' גזירה חדשה!

ולכן לא היתה למרדכי כל ברירה, והוכרח לקבל את הצעת אחשורוש ולהתמנות ל"משנה למלך". ולכן הסכימו רוב הסנהדרין לדעת מרדכי, אלא ש"מקצת סנהדרין" לא הצטרפו להסכמה זו.

יא. ענין זה מלמדת אותנו המגילה בהנוגע לכאו"א מישראל:

וע"ד האמור לעיל, שיש ללמוד הוראה בק"ו מאחשורוש, שעשה משתה לכבודו האישי בלבד, ואעפ"כ עשאו באופן שלא יהי' רק גדול יותר מתאבונם של הקרואים, אלא בהתאם לרמתו וליכלתו כו' —

עד"ז בעניננו, שיש ללמוד הוראה בק"ו מאחשורוש: ומה בנוגע לאחשורוש אומרת המגילה ש"מתחילתו ועד סופו" נשאר באותה מהות — עאכו"כ בנוגע לכאו"א מישראל, הקורא את המגילה, שעליו לדעת בוודאות ש"מתחילתו ועד סופו" הוא באותה מהות.

ייתכן שבאמצע מתערב היצר הרע, "מלך זקן וכסיל", יוצר בלבול ומהומה, וכך עולה בידו לחטוף רגע של חולשה וכו' וכו', והוא מסית ומדיח את האדם שלמשך זמן יתנהג שלא כראוי; אבל לומר שמשום כך איבד האדם, חס־ושלום, את תוקפו — אין לזה מקום כלל!

אם הוא נולד להורים שומרי תומ"צ, ולמד ב"חדר" של שומרי תומ"צ "קמץ אל"ף א" — נקבע בו ענין זה, כך ש"מתחילתו ועד סופו", עד מאה ועשרים שנה, הוא באופן של "קמץ אל"ף א", כדברי רבנו נשיאנו במאמר, שאל"ף זו היא האל"ף של "אנכי הוי' אלקיך", שהתחלתו ב"קמץ אל"ף א";

ואפילו מי שמאיזו סיבה שתהי' ירדה נשמתו לגוף ונולדה להורים שגם הם עצמם כבר תועי־דרך — סוף־כל־סוף "תחילתו" (הן אבי־סבו, והן נשמתו שלו עצמו) היתה באופן שעמד על־יד הר סיני ואמר בלבב שלם "נעשה ונשמע",

[ענין השייך במיוחד לפורים, כמ"ש במגילה "קיימו וקבלו" — "קיימו מה שקבלו כבר", כלומר שבפורים מתחדש שוב ומתחזק ענין זה של "נעשה ונשמע", עד לאופן שאין על כך "מודעא לאורייתא", ובאופן של



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פארברענגען עם הרבי - ב (י) : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (6) { 37 } עמוד מס : 15 הודפס ע"י אוצר החכמה

"אורה ושמחה וששון ויקר"],

ובכך הוחדרה בו קבלת־התורה עד סוף כל הדורות, ובכאו"א מישראל — עד סוף כל ימיו.

יב. דרך אגב — בתור "מאמר המוסגר" — כיון שנזכר הכתוב "ושללם לבוז", יש להבהיר בזה שני ענינים:

(א) ע"ד הפשט — הטעם לכך שהמגילה מדגישה "ושללם לבוז" הוא (כמדובר ביום הש"ק) כדי להדגיש את החילוק בין יהודים לאינם־יהודים:

אצל אינם־יהודים עיקר הענין הוא "ושללם לבוז", ואילו אצל היהודים עיקר הענין הוא "נקהלו ועמוד על נפשם". וכיון ש"נפשם" היא נפש של יהודי (כמ"ש "ושאר היהודים . . נקהלו ועמוד על נפשם") — ממילא "בביזה לא שלחו את ידם", כיון שאין להם כל שייכות לכך, הדבר כלל אינו תופס מקום אצלם.

כך הוא על דרך הפשט.

(ב) ענין חביב עוד יותר — ע"ד ההלכה:

הדין הוא, שהרוגי מלכות — נכסיהם למלכות. ולכן, אלמלא נכתב בגזירה "ושללם לבוז" — הי' פירוש הדבר (לא שאין הוראה מה לעשות בנכסיהם של בנ"י, אלא) ש"נכסיהם למלכות", דהיינו ש"עמי הארץ" צריכים רק "להשמיד להרוג ולאבד את היהודים", ואילו את הממון — יטול אחשורוש.

אילו נכתב כך — היו רבים מ"עמי הארץ" (שגם אצלם הי' הדבר מתפרש באופן זה) אומרים "זאת לא!", והיו מתעצלים בקיום הגזירה, ואולי אף כלל לא היו מקיימים אותה.

ולכן נכתבה הגזירה באופן זה דוקא, כיון שהמן הי' זקוק לכל העמים האחרים שיסייעו לו בקיום הגזירה, ולכן השתדל לעשות את כל עניני הגזירה באופן שיעשו כרצונו. ובנדו"ד — שעי"ז שיאמרו ל"עמי הארץ": שמעו נא, עליכם "להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים", וגם את הממון תקבלו — הם יעשו זאת ביתר חיות.

וכפי שראינו, רחמנא ליצלן, בגזירות ושמדות של דורנו, שהעובדה שהגזירות היו באופן של "ושללם לבוז" הכשילה אפילו גויים שהיו כל



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פארברענגען עם הרבי - ב (י) : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (6){ 37 } עמוד מס : 16 הודפס ע"י אוצר החכ

ימיהם בידידות עם היהודים — בגרמניא, בפולין או בליטא וכיו"ב; משנודע להם שיהי' "ושללם לבוז" — שכחו על כל הענינים, ובלבד למלא את רצונו של "המן" של דור זה.

ולכן מדגישים גם ב"ועל הניסים" את גודל הגזירה — ש"בימי מרדכי ואסתר כו' כשעמד עליהם המן הרשע", עשה זאת באופן שיעודד את העמים לקיים את הגזירה, והודיע שיהי' "ושללם לבוז".

יג. "מאמר המוסגר" נוסף:

כאן המקום לבאר את הטעם לכך שמרדכי הי' "רצוי לרוב אחיו" — דלכאורה ממה נפשך: אם מרדכי עשה שלא כראוי בכך שנעשה "משנה למלך אחשורוש" — מדוע הי' עדיין "רצוי לרוב אחיו", ואם אכן עשה כראוי — מדוע "פירשו ממנו מקצת סנהדרין"?

ומזה מוכח, שיש מקום בתורה לשתי שיטות בענין זה. היכן מצינו שתי שיטות אלו? ובכן, זוהי פלוגתא בין הבבלי והירושלמי:

איתא בברכות: "תנו רבנן, חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללין שעה אחת וחוזרין ושוהין שעה אחת".

ושואלת על כך הגמרא: "וכי מאחר ששוהין תשע שעות ביום" — שהרי יש ג' תפילות ביום, שחרית מנחה וערבית, וכל אחת מהן נמשכה אצלם ג' שעות, ונמצא שתשע שעות ביום שהו בעבודת התפילה — "תורתן היאך משתמרת ומלאכתן היאך נעשית"? מתי הי' להם פנאי ללמוד תורה, ומתי הי' להם פנאי לעשות מלאכה כדי להתפרנס?

ומשיבה הגמרא: "מתוך שחסידים הם" — מכיון שעסקו בעניני חסידות, אריכות התפילה וכו' — זכו לברכה מהקב"ה ש"תורתם משתמרת ומלאכתן מתברכת":

"תורתם משתמרת" — שלא שכחו מה שלמדו, אע"פ שלא הי' להם די פנאי כדי לחזור על לימודם; "ומלאכתן מתברכת", ולכן במעט מלאכה היתה להם ברכה מרובה.

ונמצא מדברי הגמרא, שאפילו אלו ש"חסידים הם", מתנהגים בדרכי החסידות — הרי לענין מלאכה מסייע הדבר שתהי' "מלאכתן מתברכת", שמיתוסף בה שלא בדרך הטבע; אבל בנוגע לתורה לא נאמר "תורתן



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פארברענגען עם הרבי - ב (י) : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (6){ 37 } עמוד מס : 17 הודפס ע"י אוצר החכ

מתברכת", אלא "תורתן משתמרת" — שאינם שוכחים את מה שיודעים כבר, ותו לא.

והנה, ענין זה — דברי הברייתא וקושית הגמרא — ישנו גם בירושלמי, אלא שבירושלמי נאמר לשון אחר בתירוץ הקושיא: "על־ידי שהיו חסידים היתה ברכה ניתנת בתורתן וברכה נתנה במלאכתן". כלומר: לא זו בלבד שאינם שוכחים את התורה, אלא שניתוסף להם בתורה.

וכמ"ש המפרשים שם, שהלימוד הוא באופן שאינו צריך להתייגע בשאלות וקושיות כו' ("ורמינהו") עד שמגיע אל האמת, דבר הדורש ריבוי זמן, אלא מיד כשמתחיל ללמוד — מגיע הוא במעט עיון אל הסברא הנכונה.

יד. והטעם שענין זה הוא מחלוקת בין הבבלי והירושלמי — כי מחלוקת זו היא בהתאם להחילוק בין הבבלי והירושלמי באופן הלימוד:

אופן הלימוד דתלמוד בבלי הוא (כמבואר בארוכה ב"שערי אורה" לאדמו"ר האמצעי) באופן של קושיות ("ורמינהו") כו', כפי שאנו רואים בפשטות. וכדאיתא בגמרא "במחשכים הושיבני זה תלמוד בבלי" — שהתחלת הלימוד היא "במחשכים", ולכן בהכרח להתבונן ולהקשות קושיות ולברר היטב כו', עד שמגיעים לפירוש האמיתי.

משא"כ תלמוד ירושלמי — אינו "במחשכים", אלא מיד כשהתלמוד מתחיל לעסוק בענין, מוצא הוא את הסברא הנכונה.

וכמדובר פעם בארוכה בענין החילוק בין תשובות האחרונים לתשובות הראשונים:

בתשובות הראשונים (כגון תשובות הרמב"ם ועוד) מצינו שהן בנות שורות אחדות — בתחלה מובאת השאלה, ומיד לאחרי' מופיעה התשובה, ולאחרי' החתימה (כגון — בתשובות הרמב"ם — "וכתב משה"), ובכך מסתיימת התשובה. ואילו בתשובות האחרונים — והמדובר הוא באחרונים גדולי ישראל — ישנה אריכות גדולה ושקלא־וטריא לכאן ולכאן כו'.

וטעם החילוק (כמדובר פעם בארוכה):

אצל הראשונים, שהיו "כמלאכים" — הכל הי' מואר, וכשאדם נמצא בחדר מואר — יודע הוא את מהותו של כל פרט בחדר: זהו חלון, זוהי



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פארברענגען עם הרבי - ב (י): שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (6)}{37} עמוד מס: 18 הודפס ע"י אוצר החכמה

דלת, זהו שולחן וכו', וכשהוא מחפש בחדר זה חפץ כלשהו — הוא רואה אותו מיד ונוטלו.

משא"כ כשהחדר אינו מואר ("במחשכים הושיבני") — צריך הוא למשש, וכשהוא רואה שישנו חלל — אינו יודע מהו חלל זה: האם זהו חלון, או שמא דלת, או שמא זוהי דלת של מזונן; ולכן עליו לנסות למשש את החלל מצד זה ומצד זה וכו', עד שמגיע לידי החלטה, שאין זה לא חלון ולא דלת, אלא פיו של סיר גדול פתוח... וממילא פונה הוא לחפש הלאה, עד שמגיע אל האמת.

וכיון שבתלמוד ירושלמי הורגלו לאופן לימוד זה, שבמעט עיון יודעים ומשיגים את הדבר — לכן אצל החסידים שהלכו בשיטה זו "היתה ברכה ניתנת בתורתן", ולא "משתמרת" בלבד.

טו. ועפ"ז יובן הטעם ש"פירשו ממנו מקצת סנהדרין":

כשנעשה מרדכי "משנה למלך", והוצרך להתעסק בעסקי המלכות כדי למנוע את התחדשות הגזירה (כנ"ל) — נשאלה גם לגביו שאלה זו: "תורתן היאך משתמרת ומלאכתן היאך נעשית"?

והמענה לשאלה זו תלוי (כנ"ל) במחלוקת הבבלי והירושלמי:

לשיטת הבבלי — במלאכתו אמנם לא חסר דבר, שהרי "מלאכתם מתברכת", אבל בתורה — לא ניתוסף לו, שהרי "תורתן משתמרת" בלבד; ואילו לשיטת הירושלמי — "היתה ברכה ניתנת בתורתן", וכך היו למרדכי שני הדברים — הן תורה והן חסידות.

ולכן מרדכי, שדגל בשיטת הירושלמי ("אשר הגלה מירושלים") — נהג בהתאם לשיטה זו, וכמותו סברו גם רוב חברי הסנהדרין;

אלא שבסנהדרין היו גם חברים אחרים שהגיעו משאר הארצות (ע"ד שהלל הבבלי עלה מבבל), והם הלכו בדרך הלימוד של הבבלי, ולשיטתם "תורתן משתמרת בלבד", ולכן "פירשו ממנו מקצת סנהדרין".

עד כאן — מאמר המוסגר.

טז. ונחזור לענייננו:

מיד בהתחלת המגילה נאמר (כנ"ל) "ויהי בימי אחשורוש", להורות שבכל זמן שיהי' — ואפילו בזמן הקשה ביותר, בדוגמת זמן אחשורוש,



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פארברענגען עם הרבי - ב (?) : שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק (6) { 37 } עמוד מס : 19 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס דאס איז דאך אויך דער טעם, ווי מ'האט דערעדט כמ"פ דער קשר פון "תפילין" צו "וטרף זרוע אף קדקד", ווי געבראכט פון מדרש, אז דאס איז געווען די סגולה פון בני גד, אז דורך די מצוה תפילין שבראש וביד, איז ביי זיי געווען "וטרף זרוע אף קדקד" ווי גערעדט כמ"פ בארוכה, פועל'ט דאס אז ניט נאר אז דאס איז מטיל אימה, ויראו ממך משעת מלחמה, נאר דאס פועל'ט נאך מערער, אז מלכתחילה גייט מען ניט אין מלחמה, ווארום "תפול עליהם אימתה ופחד".

און ויהי רצון אז ס'זאל זיין דער "תפול עליהם אימתה ופחד" אויף דעם גוי דער א-ל זר אשר בקרבך, דורך דערויף וואס ער זעט אז א איד איז מקושר, וואס דאס איז אויך דער טייטש פון "תפילין" פון לשון "נפתולי אלקים נפתלתי", ער פארבינדט זיך מיט "הוקשה כל התורה כולה לתפילין" מיט תורה ומצוות.

און בפרט נאך ווי ס'ווערט אפגעטייטש בפירוש אין זהר, אז די רצועות פון תפילין, בינדט דאס צוזאמען דער יצה"ר, און בינדט אים ארום און ארום, אז ס'זאל זיין דער שיעבוד הלב והמוח.

און דורך דערויף וואס ס'איז דא דער "תיפול עליהם אימתה ופחד" אויף דעם "א-ל זר אשר בקרבך", איז בדרך ממילא ווערט דער "תיפול עליהם אימתה ופחד" אויף כל עמי הארץ וואס ארום, ביז וואנעט אז ס'וועט זיין (ווי דער נבואה פון דער גאולה), אז "והיו מלכים אומניך ושרותיהם מיניקותיך", אז די אומות העולם וועלן אליין אויסקלייבן און ברייגען אידן, ווי מ'ברייגט א "מנחה אין א כלי קודש", אין "ארץ אשר עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה", בקרוב ממש, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

* * *

ו. מ'האט דאך גערעדט פריער דעם מאמר פון בעש"ט אויף "הקורא את המגילה למפרע לא יצא", אז אין דערויף איז אויך דא דער רמז, אז אויב ער לייענט די מגילה, און רעכנט אז ס'איז מערניט "למפרע" - ער דערמאנט א זאך וואס ס'איז געווען אמאל, איז דעמולט "לא יצא".

איז דערפון דאך אויך פארשטאנדיק, אז פונקט ווי אין דעם דין כפשוטו, איז דאך ניט נאר "לא יצא" ווען ער לייענט די גאנצע מגילה למפרע, נאר אויב אפילו ער לייענט א טייל פון די מגילה למפרע, און די אנדערע טייל וועט ער לייענען כסדרה, איז אויך לא יצא - איז דערפון אויך פארשטאנדיק בנוגע צו תורת הבעש"ט, אז ניט נאר דער כללות המגילה איז א הוראה איצטער, און ניט נאר א זכרון וואס האט אמאל געטראפן, נאר אויך די פרטי המגילה.

עאכו"כ א ענין מיט וועלכע די מגילה פארענדיקט זיך, און וואס לכאורה איז בכלל ניט פארשטאנדיק, צוליב וואס האט מען דאס אריינגעשטעלט אין דער מגילה

וואס דאס איז דער סיום המגילה, נאך דערויף וואס עס ווערט דערציילט דער נס, און תקפו של נס, און ווי אזוי "קימו וקיבלו היהודים", און ווי אזוי "ותכתוב האגרת הזאת השנית", און עס איז אלץ אנגעקומען געווארן - דערציילט ער דערנאך אין מגילה, ווי אזוי אחשורוש האט זיך געפירט בנוגע צו "מס", און ווי אזוי ס'איז געמולט געווען אין הנהגת המלוכה, אז מרדכי איז אויך ביי אים געווען אין מלוכה, אין הנהגת המלוכה, און צוזאמען דערמיט, וואס ער איז געווען "רצוי לרוב אחיו ודובר שלום לכל זרעו".

וואס לכאורה, איז דאך דאס א סיפור וועגן מרדכי, און פאר דערויף א סיפור וועגן אחשורוש'ן, ולכאורה האט דאס אינגאנצן קיין שייכות ניט צו עניני המגילה?

און בפרט נאך אז דאס ווערט א חלק פון "תורה" מלשון "הוראה", דארף דאך זיין דעפון א הוראה, כאמור לעיל, ברוחה של ימי הפורים, און ביז א הוראה במשך כל השנה כולה, בדוגמא וואס "ליהודים היתה אורה - זו תורה" דארף דאס אזוי זיין במשך כל השנה כולה, ביז "ויקר אלו תפילין"?

אויף "ורצוי לרוב אחיו" שטעלט זיך די גמרא, אז דערנאך זאגט מען "דובר שלום לכל זרעו" און דא גאגט מען לרוב אחיו? "מלמד שפירשו ממנו מקצת סנהדרין", - רוב אחיו און ניט כל אחיו.

ווער זיינען געווען אחיו של מרדכי, וואס ער איז געווען דער ראש סנהדרין איז דאס געווען די חברי הסנהדרין.

איז דערנאך די מגילה מסיים אז ער איז געווען "רצוי לרוב אחיו" דערפאר וואס "מקצת סנהדרין פירשו ממנו", און רש"י איז מפרש: פארוואס? אזוי ווי ער איז דאך געווען דער "משנה למלך" ווי ס'שטייט פאר דערויף, א שר אין שושן הבירה, און געמוזט זיך פארנעמען מיט עניני המלכות, במילא האט ער דאך ניט געקענט זיך אפגעבן בלימוד התורה ווי פאר דערויף, איז דערפאר "מקצת סנהדרין פירשו ממנו".

דערנאך איז די גמרא ממשיך, אז לימוד התורה איז נאך גרעסער ווי פקוח נפשות, פון וואנעט לערנט מען דאס אפ? דערפאר וואס פריער ווען מרדכי ווערט געציילט דעם ערשטן מאל אין אנשי כנסת הגדולה ווערט ער געציילט לאחרי ארבעה אלס א פינפטער, משא"כ דערנאך דעם צווייטע מאל, וואס בינתיים איז "יצא לעבודת המלך", און געווארן א שר אין מלכות אחשוורוש, ווערט ער געציילט נאך פינף.

פרעגן אויף דערויף מפרשים די שאלה, אז וואס דארף מען האבן א נייע ראי' די ראי' איז דאך פון דעם ערשטן פסוק וואס ס'שטייט פאר דעם, "רצוי לרוב אחיו מלמד שפירשו ממנו מקצת סנהדרין"?

און מ'פארענטפערט אז דערפון איז מערניט ווי די הוכחה, אז סנהדרין האבן ניט געהאלטן פון אזא מין הנהגה, פון וואנעט ווייס מען אבער אז "הסכימו מלמעלה"? וויבאלד אז דער מנין ווי זיי ווערן גערעכנט אין תורה, ווערט ער גערעכנט מיט איין ארט ווייטער, איז א סימן אז מלמעלה האט מען מסכים געווען, אז דאס איז א ענין וואס ס'איז גדול וואס ער איז ירד בדרגא ירד במעלה.

וואס דער תירוץ איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק:

דאס רעדט זיך דאך ניט וועגן סתם אידן וואס פירשו ממנו, נאר פירשו ממנו מקצת סנהדרין, און זיי ווערן אנגערופן בשם אחיו, וואס וואס וואס איז געווען דער ענין פון סנהדרין - פסק'ענען דינים!

היינט ווי קען מען זאגן, אז סנהדרין האט געמאכט א שיבוש, און מ'ווייס ניט ווי דער דין איז - דאס איז דאך דער גאנצער ענין פון סנהדרין, אז זיי זאלן זיין פוסקי דינים, איז וואס דארף מען אנקומען צו א ראי' פון אן אנדער פסוק" און פון א סתירה פון איין פסוק צום צווייטן: דא במקום רביעי און דא במקום חמישי?!

און דערנאך ווערט דאך נאך א שאלה:

דאס איז דאך מערניט וואס במקום וואס מ'רעכנט אים פאר רביעי ווערט ער גערעכנט אלס חמישי, אבער נאך אלץ אין אנשי כנסת הגדולה, מערניט ווי אראפגערוקט מיט איין ארט, איז וואו איז דא די הוכחה וכו'?

הנחה פרטית בלתי מוגה

און דערנאך קומט כאמור כמ"פ די קלאץ קושיא:

מרדכי איז דאך געווען איינער פון די סנהדרין, היינט ווי קומט דאס, אז נאך דערויף וואס ער האט געוואוסט אז "רצוי לרוב אחיו ולא לכל אחיו פירשו ממנו מקצת סנהדרין", איז דאך ממנ"פ אדער ער האט זיי געדארפט פרעגן, אדער ער האט געדארפט חרטה האבן? און מ'געפינט אז מרדכי (ווי די מגילה איז מסיים) איז געווען "משנה למלך אחשורוש" חאטש אפילו "רצוי לרוב אחיו", (אע"פ) וואס אין דערויף איז דער טייטש "פירשו ממנו מקצת סנהדרין"?

אין דער אמת אין דעם מאמר גופא ליגט דער ענטפער:

דעם פסוק זאגט: אז "רצוי לרוב אחיו", און די גמרא טייטשט דאס אפ און איז דאס מסביר נאך מערער, אז מערניט ווי "מקצת סנהדרין פירשו ממנו" אבער דער רוב סנהדרין האט געהאלטן מיט איס, און וויבאלד אז רוב סנהדרין האט געהאלטן מיט אים איז פארשטאנדיק פארוואס ער האט ניט חרטה געהאט. אין דערויף גופא ליגט דער תירוץ, אז ניט קוקנדיק וואס ער איז געווארן "משנה למלך אחשורוש", במילא האט ער זיך געדארפט אפגעבן מיט עניני המלוכה, ווארום ער האט דאך געטאן עניניו באמונה, איז במילא איז מקצת סנהדרין האבן טאקע פירשו ממנו, אבער רוב אחיו האט געהאלטן מיט אים, במילא האט ער געטאן ווי רוב אחיו.

וואס דעפאר איז אויך פארשטאנדיק פארוואס די גמרא קען ניט ברייננגען קיין ראי' אויף דעם איז "גדולה ת"ת אפי' מהצלת נפשות" פון דעם פסוק "רצוי לרוב אחיו", ווייל פון דעם פסוק איז א ראי' להיפך, ווארום רוב אחיו האבן געהאלטן מיט אים מיט מרדכי ניט א ראי' אז דאס (ת"ת) איז "גדולה", נאר פון וואנעט איז די ראי' - דערפון וואס מ'האט אים געשטעלט ממש א דרגא נידעריקער און ווייטער, ניט דער פינפטער נאר דער זעקסטער.

אט דא ווערט אבער די שאלה:

"פירשו ממנו מקצת" איז דאס געווען א מקצת פון סנהדרין, ניט סתם אידן, איז ווי קומט דאס טאקע, אז ביי זיי איז געווען דער ענין פון פירשו ממנו, בשעת אז דער רוב האט געהאלטן אז מרדכי איז גערעכט, און דערפאר איז טאקע מרדכי געבליבן?

און דערנאך, ווי שטימט דאס מיטן המשך אז "גדולה ת"ת אפי' מהצלת נפשות"?

וואס איינע פון די הסברות אין די קושיות איז:

ס'איז דא ענינים וואס מ'דארף טאן צוליב טובת הכלל, אע"פ וואס דערפאר וועט ביי אים דערביי פעלן.

ס'איז אבער דא מענטשן, וואס זייער ענין איז ניט אט דאס, זייער ענין איז תורתם אומנתם וכיו"ב. און דערפאר זאגט ניט די גמרא אז "חלקו עליו מקצת סנהדרין", די גמרא זאגט ניט אפילו דער לשון אז "אין רוח מקצת סנהדרין נוחה הימנו", די גמרא זאגט נאר דער לשון "פירשו", וואס איז דער טייטש "פירשו" - זיי האבן זיך אפגעשיידט.

וואס איז דער ענין פון אפשיידן זיך - ס'איז אנאנדער אופן העבודה:

ביז דעמולט איז געווען מרדכי'ס עבודה אין דעם זעלבן אופן פון כל הסנהדרין, דערנאך איז געווארן אז מקצת סנהדרין איז געווארן אין אן אופן פון "פירשו ממנו" זייער עבודה איז געווען אין א אנדער אופן.

וואס דאס איז דא א קשר, ווי גערעדט כמ"פ, דער מאמר הידוע אויך בנוגע צום בעש"ט, וואס דער בעש"ט האב געזאגט (און דער רבי נ"ע ברייגנגט דאס (דעם סיפור) אראפ אין חסידות) אז דער בעש"ט האט געזאגט, אז ער האט געקענט אויס-פירן (ווי ס'שטייט ביי אליהו הנביא) "לעלות בסערה השמימה", נאר ער האט געוואלט דורכגיין דעם "עפר אתה ועל עפר תשוב".

האט מען גערעדט אמאל בארוכה, אז ס'ווערט דאך די שאלה אויף אליהו הנביא, וויבאלד אז דאס איז א העכערע דרגא, איז ווי קומט דאס אז אליהו הנביא איז ביי אים געווען תכלית השלימות וואס "עלה בסערה השמימה"? מיט די הפלאה וואס ס'שטייט וועגן דעם אין מאמרי חז"ל ובמדרשים, און נאכמער אין חלק הסוד שבתורה?

האט מען גערעדט אמאל בארוכה, אז דאס ווענט זיך, יעדער נשמה האט זיך איר עבודה, פונקט אזוי ווי ס'איז דא נשמות וואס זיי געהערן צו שבט יששכר און הנהגת יששכר, וואס זייער הנהגה איז תורתם אומנתם, און עס איז דא נשמות וואס זיי מוזן אויך האבן קביעות עתים בתורה, אבער זיי געהערן צו שבט זבולון און הנהגת זבולון, וואס זייער ענין איז "תומכי' מאושר" זיי זיינען תומך אין לומדי תורה.

ויש בזה מה שאין בזה. וואס דערפאר זאגט ער דאך אז "קדם זבולון ליששכר" "שמח זבולון בצאתך (און ערשט דערנאך) יששכר באהליך", און דערנאך איז דא א מעלה בישכר לגבי זבולון, וואס דערפאר איז בכמה מקומות און ברוב המקומות שטייט יששכר פאר זבולון, פונקט ווי תולדותיו, ווי ס'שטייט אין דער דש"י וועגן וועלכע ס'האט גערעדט שבת שעברה.

עד"ז איז אויך געווען דער זעלבער חילוק אין סנהדרין, וואס אין סנהדרין האט דאך געדארפט זיין ע"א דיעות, ניט א רב ותלמיד, נאר יעדערער א דיעה פאר זיך, איז געווען אין חברי סנהדרין אזוינע וואס זייער אופן העבודה איז געווען אין אן אופן פון מרדכי'ס עבודה, און ס'איז געווען אזוינע "מקצת סנהדרין", וואס "פירשו" זייער עבודה איז געווען ניט ווי די עבודה פון מרדכי ווען ער איז געווארן א "משנה למלך אחשורוש".

וואס דער אופן העבודה פון מרדכי איז דער עיקר ענין פון סנהדרין וואס ענינים איז דאך "להורות פסקי דינים לעם ישראל", בפרט ווי געבראכט אן תדב"א אז ענינם איז "לילך ולקשור חבלים של ברזל במתניהם ולהגבי' בגדיהם למעלה מארכובותיהן ויחזרו בכל עיירות ישראל כו' " לערנען יר"ד און תורה מיט אידן, אז מ'זאל לכתחילה ניט דארפן אנקומען צו סנהדרין, אע"פ וואס דורך דערויף גייען זיי אראפ ממדריגתם.

ווי גערעדט בארוכה שבת, אז ווען א סנהדרין געפינט זיך ניט אין לשכת הגזית "גלתה ממקומה", און גייט בעיירות ישראל - האט זיך ניט קיין דין און תוקף פון סנהדרין, דאס איז ניט גדולה, נאר פארקערט דאס איז ירדה ממדריגתה.

און אעפ"כ אט דאס איז דער עיקר פון סנהדרין, אבער א מקצת פון סנהדרין, דער דין בלייבט טאקע ווי דער רוב, און דערפאר האט אזוי מרדכי געטאן, מקצת אבער איז פירשו ממנו, ביי זיי איז געווען א באזונדער סדר אין עבודה.

וואס דערפאר איז דאס אויך ניט קיין סתירה צו "גדולה", ווי גערעדט פריער, אז בשעת סנהדרין איז "מחזר בעיירות ישראל" שטייט זי ניט במעלת הגדולה ווי בשעת זי געפינט זיך אין לשכת הגזית, און אעפ"כ איז דער עיקר תכלית פון סנהדרין לחזור בעיירות ישראל, אע"פ וואס צוליב דערויף דארף מען "חוגר זיין ירוכיהם בשלשלאות של ברזל".

וואס איז די הוראה:

איז כמדובר בארוכה אין די התוועדות פון י' שבט, בהמשך צו וואס מ'האט גערעדט אז "מאן מלכי רבנן", אז יעדער איד איז בכח התורה (וואס דעמולט ווערט ער אנגערופן "רבנן") ווערט ער א מלך, און א בעה"ב אין וועלט, ביז א בעה"ב אויף מציאות, ווי ער דרש'נט אין ירושלמי אויף"לא-ל גומר עלי" אז סנהדרין איז משנה די מציאות, אפילו ווי דאס איז שוין אין "עבר" איז "חוזר לאיתנו" וכו'.

און וויבאלד אז יעדער איד איז מחוייב אין לימוד התורה איז "בכח" יעדער איד א מלך.

וואס אע"פ אז ווען מ'ווערט געבארן, איז א תינוק בן יומו ניט שייך נאך צו מלכות איז אבער "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" איז דאך געווארן אויף יעדער אידן, איז "בכח" ווערט דאס גלייך (ע"י מתן תורה) ביום הוולדו, משיצא לאויר העולם. "בפועל" קומט דאס טאקע ארויס לאחר זמן, ביז וואנעט אז ס'קען גאר זיין אזא מין וואס ער וועט זיין חי כל ימי חייו, און וועט ניט זיין אין אן אופן של התנשאות, ניט נאר ניט קיין מלך על כל בני ישראל, אפילו ניט קיין מלך אין אן אופן ווי א שר אשר ווי א שר וואס איז א עבד לשר שעל גביו וכו' וכו', אבער אעפ"כ איז ביי יעדערן דא דער ענין המלכות.

איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז וויבאלד "לא ברא הקב"ה דבר אחד בעולמו לבטלה", איז ער דארף דאס נוצן, דאס איז אים נוגע לעבודת ה'.

און אט דא האט מען גערעדט בארוכה עכ"פ איבערחזר'ן איצטער בקצרה, אז ס'איז דא אין דערויף דרגות על גבי דרגות:

אנהויבנדיק פון ירידת הנשמה מאיגרא רמה לבירא עמיקתא, ווערט דאך דאס אנגערופן בשם ירידה, ס'איז "חי ה' אשר עמדתי לפניו" קודם הירידה איז זי געשטאנען אין אן עבודה עצומה וואס זי ווערט אנגערופן בשם "עמידה" "אין עמידה אלא תפילה" וכו', און דערנאך איז זי "יורד לבירא עמיקתא" וואס דארט ווייס מען גארניט אלקות איז בהתחדשות, כידוע דער פתגם בזה.

אויף וואס איז ירדה למטה ווי ער זאגט אין תניא פון עץ חיים, איז דאס ניט לתקן עצמה, ווארום זי איז שוין א מתוקנת, נאר לתקן את הגוף והנ"ב.

דורך וואס פאר אן אופן? דורך דעם וואס סי ווערט א מושל ושולט אויפן נפה"ב.

וואס אט דא זעהט מען אז די נשמה איז "יורדת ממדריגתה", כדי צו אויפטאהן מיטן גוף ונה"ב, דורך דערויף וואס זי ווערט א מלך אויפן גוף ונפה"ב.

וואס דאס איז דאך דער כללות ענין המלך א מלך מצ"ע איז דאך "משכמו ומעלה גבוה מכל העם", און דאס וואס ער איז מקבל מלכות, איז דאך דאס א ירידה, בדוגמא ווי "מלכותא דרקיע" "שתמליכוני עליכם" דארף מען האבן אויף דערויף א בקשה, און במקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו" דאס ווערט גאר גערעכנט אלס ירידה, און צוליב וואס איז די ירידה כדי צו זיין א מושל ושולט און מתקן זיין דער גוף ונפה"ב.

דערנאך אז ער ווערט א בעל משפחה חיים בישואים, אט דעמולט קומט צו דער ענין וואס ס'דארף זיין "להיות כל איש שורר בביתו", (וואס אזוי דארף דאך זיין "איזהו אשה כשרה שעושה רצון בעלה" וואס צוליב דערויף דארף זיין "חתן" ווי די גמרא זאגט די אז דאס איז מלשון "נחות דרגא" (און דערפאר דארף

זיין די כפי הענינים של שמחה אויף משמח זיין חתן וכלה) עס דארף זיין דער "לכה דודי לקראת כלה", ווארום כדי ער זאל קענען אויפהויבן, דארף זיין לכתחילה דער "חות דרגא תנוב איתתא". וואס ער דארף פארבויגן אויף זייבע ענינים, און ס'זאל זיין חות דרגא", כדי אויפטאן "נתוב איתתא", וואס דעמולט ערשט וועט זיין די ברכה "ויקרא שמש אדם" את דעמולט ויברך אותם".

וואס את דא אין די אלע פרטים זעהט מען ווי ס'איז געווען ביי מרדכי:

פריער איז מרדכי גערעכנט דעם פערטער, פריער איז ער געווען "רצוי לכל אחיו" און אעפ"כ איז ער געווארן א משנה למלך אחשורוש" און מ'שטעלט דאס אריין אין תורה, אז מ'זאל וויסן דאס לדורות, אז דאס איז דער סדר, אז אע"פ וואס צוליב דערויף רוקט מען אים אריבער מיט א דרגא ווייטער בדוגמא ווי "הנשמה ירדה לבירא עמיקתא", איז אעפ"כ "דובר שלום לכל זרעו" פארבויגט מען אויף דערויף וואס "פירשו ממנו מקצת סנהדרין"!

- ווארום מ'דארף אויפטעלן דער שלום לכל זרעו כולל די וואס האבן א שייכות צו יששכר און זבולון און די וואס זיינען נידעריקער פון ביידע ענינים.

ועד"ז בשעת ער ווערט אן עסקן ציבורי, בדוגמא ווי גערעדט פריער, און בנוגע צו מרדכי'ן אז בשעת עס איז עסקנות כדי צו באווארענען "דובר שלום לכל זרעו" קען דאך ניט זיין "תורתו אומנתו", ביז וואנעט ווי די גמרא זאגט "הטל עליהם צרכי ציבור והם כלים מעליהם" און דאס נעמט צו דער ענין "מתנבאים" אין אן אופן וואס "לא פסק", און אעפ"כ איז ביי יהושע'ן וואס ער איז געווען א מנהיג ישראל, האט זיך אפגעלייגט אז דאס הטל עליהם וכו' איז א סדר, א סדר ע"פ תורה א ניט וואלט ער דאס ניט מציע געווען, און א ניט וואלט דאס תורה ניט געבראכט.

בדוגמא ווי גערעדט פריער, אז מרדכי האט געוואוסט אז "פירשו ממנו מקצת סנהדרין", און אעפ"כ האט ער ווייטער ממשיך געווען צו זיין "משנה למלך אחשורוש", ווארום ס'דארף זיין "דובר שלום לכל זרעו".

און ווי אזוי קען דאס זיין - בשעת ער איז מותר אויפן עילוי פון "לעלות בסערה השמימה" ווארום ער וויל דורכגיין דעם "עפר"!

ועד"ז פון חיי משפחה וואס דאס איז דאך מחוייב כל אחד ואחד קומט דאס דערנאך ווען מ'קלייבט אים אויס, אפילו "ריש גרגותא משמיא קא ממני לי", בשעת ער ווערט א ריש און א עסקן באיזה אופן שיהי' קען ער דאך דעמולט זיך ניט צוטראגן צו טאן אין שלימות עצמו, ווארום ער דארף טראכטן נועגן "דובר שלום לכל זרעו", ראס קען ניט זיין צוזאמען, ס'קען דערנאך צוקומען בתור "מתנה מלמעלה".

וכידוע די תורה הבעש"ט אין די שבעה תורות, אז דערנאך איז געווען פון די לעצטע תורות אז "אתם רועי ישראל" וואס מצד די פארבונדענקייט מיט טובת ישראל קען מען זיך ניט אפגעבן מיט זיך, וואס וועט זיין מיט אייך, וכידוע די תורה.

עד"ז אז מ'קלייבט איינעם אויס אויף איזה מינוי שיהי', קען ער זיך ניט אפגעבן מיט שלימות עצמו, איז אעפ"כ דארף ער אויף דערויף מותר זיין צוליב טובת הרבים.

וכמדובר כמ"פ את דאס וואס די הלכה איז אז "יחיד ורבים הלכה כרבים" איז ניט דער פשט אז דער רבים דארף אזוי טאהן, נאר דאס איז הלכה פארן יחיד, און וויבאלד אז דאס איז הלכה פאר דעם יחיד, איז דאך א סימן אז סוף סוף איז דאס

א טובה פאר דעם יחיד, ווארום א ניט טוט ער אנטקעגן תורת אמת, טויג דאס ניט פאר אים, ניט בתור גזירה, דאס איז ניט א ענין של חוקה! דאס איז א ענין פון מצוות שכליות!

און אין דערויף באשטייט די שוועריקייט:

בשעת מ'דארף אריבערגיין פון עוסק זיין זיך מיט טובת עצמו טובה אמיתית און מ'זאגט אים אז ער דארף זיך אפגעבן לטובת הזולת, הויבט אן שרייען דער יצ"ט אז לכאורה וועט דאך אים פעלן אין שלימות עצמו?! פירשו ממנו מקצת סנהדרין?!

ענטפערט די מגילה: דובר שלום לכל זרעו! האט דאס מרדכי דערפאר מסכים געווען אויף "פירשו ממנו מקצת סנהדרין", ואדרבא: רוב סנהדרין האט אזוי גע'פסק'נט.

און דערנאך ווערט דאס אלץ שווערער און שווערער:

בשעת ער איז א ראש, און געפינט זיך אין א חוג מסויים, וואס ער פירט דערמיט אן, און דערנאך איז "משמיא קא ממנו לי" אז ער זאל טאן פאר די טובה פון א גרעסערער קרייז, וואס אט דעמולט איז בל ימלט אס ס'זאל פעלן אין זיין שימח לב, לטובת פון דעם חוג מיט וועלכען ער האט זיך פארנומען פריער, ביז וואנעט אז ס'קען גאר זיין אז דארט וועט דערפון גאר ארויס א היזק.

בדוגמא ווי מ'געפינט ביי מרדכי אז תורה איז מגלה אז "פירשו ממנו מקצת סנהדרין" און אעפ"כ האט דאס מרדכי געטאהן.

און בשעת מ'איז אים ממנה, איז דאך דאס "משמיא קא ממנו לי" איז דאך א סימן אז ער געהערט ניט צו דער "מקצת סנהדרין -וואס פירשו" נאר צו דעם רוב וואס אזוי דארף ער זיך פירן, וויבאלד אז דאס איז "משמיא קא ממנו לי".

ווי אזוי קען מען וויסן צו דאס איז משמיא קא ממנו לי' צי פון לעומת זה, צי באופן אחר? איז אויף דערויף דער בירור, אז מ'זעט, ווער שטעלט זיך אנטקעגן דעם.

אויב ס'שטעלט זיך אנטקעגן זיינע פעולות דער יצ"ט, איז א סימן אז דאס איז א נסיון פון וועלכן ער דארף זיך אפזאגן, אויב ס'שטעלט זיך דער יצר הרע וכח דילי'איז א סימן אז ער האט קיין ברירה ניט און ער דארף פארבויגן אויף זיך כדי פרואוון זיך עפעס אויפטאן לטובת הרבים, אע"פ וואס דאס קען פעלן (עי"ז) אין דעם טובה פון דער חוג אין וועלכן ער האט געהאט א שייכות לפני זה.

און אט דאס אלס מאמר המוסגר -

פורים וועט מען זיך מסתמא ניט קריגן מיט מיר ... דאס איז איינע פון די שוועריקייטן און איך האב געזאגט כמה פעמים, אז דאס איז דער לשון פון תורה "ארץ אוכלת יושבי'" אט דאס איז דער ענין וואס ס'איז געווארן איצטער פון א "מפלגה".

בשעת איינער איז אן אנפירער פון א מפלגה, און טוט מעשהו און משאו ומתבו בזה באמונה, דערנאך קומט לידו א טובה וואס איז נוגע ניט נאר צו זיין מפלגה, נאר ס'איז נוגע אויך א גרעסערן קרייז איז אט דא דער גרעסטער נסיון, ער זאל אנהויבן טראכטן, און זיך מתבונן זיין ווי אזוי צו טאן אין דער זאל לטובת הרבים, ניט ווערן א משוחד פון טובת המפלגה שלו.

וואס דאס איז די .... בארצינו, וואס יעדער ענין גייט דורך "מפלגה", דערנאך איז דא מענטשן פון מפלגה וואס מ'קלייבט זיי אויס, און מ'זעצט זיי אויף א ביינקל, וואס זיי דארפן טאהן לטובת הכלל, איז ניט קוקנדיק וואס ס'איז שוין אזוי פיל יארן, אז מ'שטייט אין דעם נסיון, איז רובם האבן זיך ביז איצטער ניט געקענט באפרייען, און שטעלן זיך אויף מידת האמת, אויף מוותר זיין אויף טובת המפלגה שלו צוליב דער טובה פון כל המפלגות.

און דער צער בזה איז, אז דאס איז ניט נאר אזוי אין די מפלגות וואס יסודות איז אין חול, דאס איז אזוי אויך אין די מפלגות וואס יסודותם איז (עכ"פ ווי זיי זיינען מכריז) איז דאס פארבונדן מיט דת, מיט תורה.

מ'איז מוותר ווי ס'איז געווען דער חוזה הידוע מיט ילדי טעהעראן, און מיט חוזה הידוע לאחרי זה אנגערופן מיט נאמען "מפתח", אז מ'האט מוותר געווען אויף כו"כ מפני ישראל כדי אביסעלע זאל אריינקומען ברשותו, ברשות המפלה שלו, וועט דורך דעריף צוקומען אין עניני המפלגה.

וואס לכתחילה האט מען געקענט רעכענען, אז עכ"פ דער מפלגה וועט דערפון ארויס א תועלת חאטש אפילו ס'וועט זיין א היזק הרבים האט מען אבער געזעהן במשך השנים אז דאס האט מזיק געווען די מפלגה און דער דמות פון דער מפלגה און די יציבות (שטארקייט) פון דער מפלגה, און דעם כבוד מיט דעם יקר וואס די מפלגה האט בתוך העם וויסנדיק אז צוליב אריינקומען דריי קינדער צו זיי, איז מען מוותר אויף דרייסיק קינדער, און מ'האט גאר פאר זיי קיין מלחמה ניט, און מ'מאכט א חוזה וכו' וכו', וואס אין כאן המקום להאריך בזה.

ועד"ז איז דאס ליידער (ווי געריעדט פריער) אז בפורים וועט מען האפנטליך מיט מיר ניט פארריסן, און ס'וועט קיינעם ניט שאטן, אפשר וועט דאס אימעצן העלפן ועכ"פ מידי ספק לא יצא), ס'איז דא כמה ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט ביטחון פון דריי מיליון אידן, און וואס ביז איצטער אין דרך הטבע דארפן מחליט זיין געציילטע מענטשן, וואס זיי זיינען פארבונדן מיט מפלגות, און ר"ל זיי זיינען זיך משתדל און קענען זיך ביז איצטער ניט באפרייען מחליט זיין ווי דאס איז די טובה פון די דריי מיליון אידן אע"פ וואס דאס וועט שאטן צו די אנשי המפלגה (ווי זיי ווייזט זיך אויס)!

און ויהי רצון, אז די עטליכע ווערטער איז גענוג אויך, ווארום זיי אליין ווייסן דערפון און מ'דארף ניט האבן אריכות הביאור, ס'איז מערניט בעת רצון, וואס אפילו המן איז אויך מודה אז ס'דארף זיין ברכות צו מרדכי, ביז וואנעט אז מ'זאגט "עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי", ס'גייט אלץ אוועק אין א גוטע וועג, זאל דאס אויך אויפגענומען ווערן אין א גוטע וועג, אז די וואס דארפן מחליט זיין זאלן איינגאנצן מסיח דעת זיין פון זיך איז מאי קמ"ל ס'איז א דבר הפשוט זאלן מסיח דעת זיין פון טובת המפלגה און טראכטן מערניט ווי די טובה פון די דריי מיליון אידן וואס דער אויבערשטער זאל זיי היטן און וועט זיי היטן הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל.

און בפרט נאך ווי ס'שטייט אין דער מגילה אז "בלילה ההוא נדדה שנת המלך" זאגט ער אין מדרש "שנת מלכו של עולם" ווארום "לא ינום ולא יישן שומר ישראל" און אויסהיטן אידן פון כל דבר בלתי רצוי בדרך הטבע, און אויב עס קען ניט זיין למטה איז דאך זיכער "מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל" וועט זיין למעלה אויך א הנהגה פון "עד דלא ידע", און ס'גייט אוועק אין די ריכטיק וועג ס'וועט דער "שמעו הולך בכל המדינות" און "נפל פחד היהודים עליהם" ביז וואבעט "ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר" מיט די אלע פירושים.

עאכו"כ כפשוטו של מקרא, אז "ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר" למטה מעשרה טפחים, כפשוטו של מקרא, לחיים.

הנחה פרטית בלתי מוגה

ז. וואס בהמשך להאמור אין א זאך וואס איז איצטער נוגע א ענין שהזמן גרמא - ברייגגענדיק פריער א ענין אין תורה אע"פ וואס לכאורה איז דאס ניט קיין ראי'.

און דאס איז, ווי מ'האט שוין אמאל דערציילט בארוכה, אז בשעת נשיא דורינו דער רבי שווער איז ארויסגעפארן פון יענער מדינה אין לעטלאנד אין ריגע, האט ער געמאכט א אסיפה פון עסקנים ציבורים פון כמה מדינות, און אויך איז געווען איינגעלאדן, אויף דער אסיפה דער ראגאטשאווער גאון.

און מען האט דארטן גערעדט וועגן כמה ענינים בנוגע צו עניני דת מאחורי מסך הברזל, וואס מ'קען טאהן, און וואס מ'דארף טאהן, און ווי אזוי מ'דארף טאהן און ווי אזוי מ'זאל זיך צוזאמענקלייבן מזמן מן הזמנים, כדי לתכס עצה וכו' וכו'.

דערנאך האט מען געדארפט קובע זיין, ווער זאל זיך אין דערויף מתעסק זיין, און אויך ווער זאל זיך משתתף זיין אין די אסיפות הבאות, האט מען געוואלט מצרף זיין אויך דער ראגאטשאווער, אין די וואס מ'זאל זיי קענען איינלאדן צו די אסיפות און די החלטות וכו'.

האט ער געזאגט, אז דאס קען ער אויף זיך ניט נעמען, האט מען אים געפרעגט פארוואס - ער איז דאך אויך ערשט געקומען פון לעניגראד וואס ער איז דארטן געווען א משך פון כמה שנים, און געוואוסט דער מעמד ומצב דארטן? ס'איז הצלת נפשות וכו'?

האט ער געזאגט: אזוי ווי דאס איז א פלוגתא צווישן בבלי און ירושלמי, און מען דארף דאך טאהן ווי ס'שטייט אין בבלי, מילא קען ער ניט אנבעמען אויף זיך, די השתתפות אין די אסיפות הבאות.

האט מען אים געפרעגט: וואס פאר א בבלי און ירושלמי איז דאס?

האט ער געזאגט: אז ס'איז דא די גמרא הידועה אין ברכות, סיי אין בבלי און סיי אין ירושלמי, אז ביי חסידים הראשונים איז געווען די הכנה לתפלה ג' שעות, און מתפללים ג' שעות, און נאך דער תפלה אויך התבוננות ג' שעות.

פרעגט אויף דערויף די גמרא, אז אויב אזוי איז מלאכתן מתי נעשית" און ווען וועט מען לערנען תורה? און פארענטפערט בנוגע צו מלאכה איז מתוך שחסידים הם מלאכתן מתברכת, און בנוגע צו תורה האט ער געזאגט איז דא א פלוגתא צווישן בבלי און ירושלמי: אין ירושלמי שטייט דער לשון אויף תורה אויך אז "מתוך שחסידים הם תורתם <u>מתברכת</u>", אין בבלי שטייט אבער "מתוך שחסידים הם תורתם <u>משתמרת</u>".

דער חילוק איז: מתברכה הייסט אז ס'קומט צו נייע, משתמרת הייסט אז ס'איז מערניט אז ער פארגעסט ניט די פריערדיקע.

אזוי ווי זיין ענין איז ניט נאר אויף ניט פארגעסן די פריערדיקע, נאר ס'זאל אויך זיין מתברכת, איז אויף דערויף העלפט ניט, ואפילו א הנהגה לפנים משורת הדין צי דאס איז עסקנות ציבורית וכו' וואס דאס אלץ קען העלפן נאר אויף תורתו משתמרת לויט די שיטת הבבלי, משא"כ אז עס זאל העלפן אויך אויף מתברכת האלט אזוי נאר דער ירושלמי, און א פלוגתא צווישן בבלי און ירושלמי, בלייבט דער דין ווי בבלי.

און ער וויל דאך האבן "מתברכת" במילא קען ער זיך ניט משתתף זיין אין

עסקנות ציבורית.

אעפ"כ ווייס מען דאך, אז גדולי ישראל און לכל לראש נשיא דורינו (וואס עניינו איז געווען "דובר שלום לכל זרעו") האט געצומען מזמנו ביז אין אן אופן פון גוזל מזמנו כדי ס'זאל זיין "דובר שלום לכל זרעו", אע"פ וואס באותה שעה האט ער זיך ניט געקענט עוסק זיין אין לימוד התורה וכו'.

וואס דאס איז דער המשך און די ראי' בנוגע להאמור לעיל:

פון וואנעט האט מען די הוראה - איז אט דאס וואס מ'זעהט אז מרדכי איז געווען א "משנה למלך אחשורוש ודובר שלום לכל זרעו" אע"פ וואס ער האט געזעהן אז פירשו ממנו מקצת סנהדרין און האט געזעהן אז מ'וועט אים רעכענען מיט אן ארט ווייטער, ניט לאחרי ארבע ... נאר לאחרי חמישה כמדובר לעיל בארוכה.

וואס דאס איז דאך בנוגע אז דאס שאט זיך - בשעת אבער ס'רעדט זיך וועגן אן איש כללי בדוגמא ווי מרדכי, אדער בדוגמא ווי א מנהיג ישראל ווי נשיא דורינו דער רבי דער שווער, וואס ער האט מותר געווען (און כאמור לעיל גוזל) מזמנו לצרכי הרבים אע"פ וואס דאס האט געפעלט בשעת מעשה בנוגע ללימוד התורה לעצמו - איז דאך דאס די הוראה ווי אזוי אט די וואס יעדערער באופנו וואס קען טאהן לטובה הרבים - איז דעמולט כמדובר לעיל איז דאס א הורא פאר א "ריש גרגותא" אפילו וויבאלד אז "משמיא קא ממנו לי'", וויבאלד אז אתי לידי' א ענין ציבורי און ער רעכנט אז דאס קען שאטן אים אלס פרט אין עניניו הפרטיים אדער אפילו כמדובר לעיל, דאס קען שאטן צו א חוג מסויים מיט וועלכע ער איז פארבונדן - דערפון וועט אבער זיין א תועלת לרבים, דארף ער אזוי טאהן כמדובר לעיל.

ביז אז דאס איז א הוראה כמדובר פאר א "ריש גרגותא" וכו' וכו'.

בנוגע צו א ענין שהזמן גרמא, איז דאס בנוגע וואס ס'האט זיך גערעדט בנוגע די "טנקיסטן" כמה פעמים, אז גדול זכותם ואשרי חלקם.

וואס אע"פ וואס ס'איז דאך דא אזויגע וואס זיינען מלעיג וכו', אז עניינים וואלט געווען בעסער ווען זיי זיצן און לערנען תורה לעצמם אדער עוסק אין עבודת התפלה און שלימות עצמם וכו'! וואס פארנעמען זיי זיך מיט "דובר שלום לכל זרעו": זוכן בעלי תשובה און זוכן אזויגע מאכן דורך הנחת תפילין א "קרקפתא דמנח תפילין", וואס ווי ס'שטייט אין פוסקים אז א איד וואס האט קיינמאל ניט געלייגט קיין תפילין מאיזה סיבה שתהי' און ער לייגט איין מאל תפילין - נעמט מען אים ארויס פון דער גדר פון "קרקפתא דלא מנח תפילין" ר"ל, און ער האט אין דערויף א חלק.

און זעלבסטפארשטאנדיק , אז זבולון קען ניט זיין תורתו אומנתו, און ס'איז דא אזויגע וואס האבן א ברירה און קענען זיך אויסקלייבן צי זיין אין עבודה זבולון צי אין עבודת יששכר בשעת אבער ס'רעדט זיך וועגן פיקוח נפשות איז אט דעמולט, ווי די גמרא זאגט אין סוטה א חסיד ווערט אבגערופן "חסיד שוטה" אויב ער זאגט אז ער קען ניט גיין מציל זיין ווארום דאס איז ניט א אופן של צניעות וכו' כמבורא שם בארוכה.

ועד"ז איז דאס אין הצלת הנשמה "פיקוח נפש" כפשוטה הצלת והנשמה.

נא וואדען - אין די עניינים דארף א ישיבה בחור ניט שטעלן אויף זיך באר דאס הייבגט אפ אין הנהלת הישיבה! דאס רעדט זיך ניט וועגן סדרים פון דער ישיבה אט דעמולט איז ער משועבד און אויף זיך קיין בעה"ב ניט, ניט די צייט געהערט צו אים און ניט ער געהערט צו זיך, דאס אלץ געהערט צו די ד' אמות של תורה -

הנחה פרטית בלתי מוגה

צו די ישיבה, אין וועלכע ער האט זוכה געווען צו לערנען, צי דאס איז די ישיבה אדער א צווייטע ישיבה, אבי א ישיבה וואס זי איז מיוסדת אויף אהבת ה' און יראת ה' באר אין די זמנים העומדים לרשותו, וואס אט דעמולט קען ער זיי נוצן אדער אויף שלימות עצמו ע"י התמדת הלימוד אדער עבודת התפלה וכיו"ב, אדער אויף שלימות הזולת, אדער הצלת נפשות של הזולת - איז אט דאס דארף ער פרעגן ביי דער הנהלה הישיבה און טאהן כפי הוראתם און אויב זי גיט אים די הוראה אז ער זאל נוצן אט די זמנים און זיין א טנקיסט וכיו"ב אויף הפצת התורה והיהדות - האט ער דאך די שאלה "תורתו מתי" ווען וועט ער שטייגן אין תורה? איז אפילו אז מ'זאל אננעמען ווי אין בבלי אז "תורתו משתמרת" איז כאמור לעיל אז עס איז דא אזוינע וואס זייער שלימות באשטייט אין לעלות בסערה השימימה און דא אזוינע וואס זייער שלימות באשטייט אין "עפר אתה" פארנעמען זיך מיט עפר ועניני עפר כמדובר לעיל.

און פונקט אזוי ווי דעם שלימות איז "לעלות בסערה השמימה" אין ענינים פון טוב לשמים און וויבאלד אז דאס איז זיין שלימות דארף ער אזוי טאן בשמחה ובטוב לבב, אט אזוי איז די שלימות פון דעם וואס ענינו איז פארנעמען זיך מיט עניני עפר איז די שלימות דוקא באופן כזה פארנעמען זיך מיט הפצת היהדות האמיתית בכל מקום שידו מגעת לויט דעם רשות און די הוראה וואס ער באקומט פון די הנהלה וואס עומדת על גביו.

וכמדובר לעיל ווי דער לימוד איז אויך (פון דער מגילה, בנוגע צו מרדכי וואס ער איז געבליבן "משנה למלך אחשורוש"), בנוגע צו עוסקים בצ"צ באמונה וואס מ'מאכט זיי מידי שבת בשבתו א "מי שברך" בתוך כל עשרה מישראל, וואו ס'איז נאר דא א תפלה בציבור - דערפאר וואס זיי זיינען עוסקים בצ"צ באמונה. דעמולט אויס די עסקנוה איז באמונה קען ער זיך ניט פארנעמען התמדה ושקידה בלימוד התורה כמדובר לעיל, אדרבה: "הטל עליהם צ"צ" איז דאס ניט דער ענין פון התמדה ושקידה בתורה אעפ"כ זאכט מען א "מי שברך" מיט די גאנצע הפלאה מיט כל הענינים.

וואס דא איז אויך דערמאנען עכ"פ בדרך מעבר וועגן א ענין עיקרי, במילא דערמאנען בדרך מעבר אויך ניט דרך מעבר נאר אין א אופן עיקרי:

און דאס איז, די זעלבע שאלה האב איך געהאט ווען איך האב אנגעהויבן דעם טומל בנוגע צו שאלה "מיהו יהודי".

וואס כל זמן עס האט זיך געטאהן אין דעם מאחורי הפרגוד אנן באופן חשאי איז ניט געווען אין דערויף קיין חששות אז דאס וועט מזיק זיין צו דעם חוג מיט וועלכן איך בין פארבונדן געווען און איצטער און אויך בעזרת ה' נוייסער און העכער, מערניט וואס דאס האט אפגענומען צייט און כח און בשמה וכו' וכו'.

דערנאך בשעת מ'האט געזעהן אז דאס העלפט ניט און מ'מוז דאס טאהן בפומבי ובפרסום האט מען מיר בפירוש געזאגט (און דערנאך האט מען געזעהן אז מ'איז דאס דעם "מיאון" מקיים (בעוזנותינו הרבים) בפועל) אז דורך דערניף וואס איך וועל זיך קאכן און מתריע זיין און שטורעמען און שרייען וועגן מיהו יהודי וועט מען מיר ניט געבן אט די אמצעים און די מעגליכקייט אויף טאן אין הפצת החסידות און אויך אין הפצה היהדות.

וכאמור לעיל ס'איז ליידער געווען אזוינע יחידים וואס האבן אויסגענוצט זייער השפעה אויף זעהן אז מ'זאל געבן ווייניקער מיט אט דעם סכום וכו' וכו' צו דעם ארט וואס וואלט געקענט טאהן מערער חינוך הכשר און הפצת היהדות וכו' וכו' מצד דערויף ווי זיי האבן געזאגט לכתחילה וואס איך גיי ארויס מיטן שטורעם בנוגע צו "מיהו יהודי".

אעפ"כ באטראכטדיק זיך אז די שאלה פון "מיהו יהודי" כמדובר כמ"פ איז דאס

א שאלה וואס איז נוגע צו דער קיום און שלימות פון עם ישראל בכל מקום שהוא, און אט דאס איז נוגע צו שלימות פון "דבר ה' זו הלכה" און זעענדיק אז די אלע וואס זיינען מלעיג אויף אנדערע ענינים פון אידישקייט, זיינען אויך מלעיג אויף דער מלחמה וואס ס'פירט זיך בנוגע צו שינוי החוק המבהיל פון "מיהו יהודי" האט דאס נאכמער פארשטארקט די זיכערקייט בלאו הכי, אז דאס איז א חוק וואס איז ר"ל הילי"ת זית מתנקל, ומתנקש צו דער בטחון פון עם ישראל ברוחניות בכל מקום, צו שלימות פון עם ישראל בכל מקום וכו' וכו'.

וכאמור לאיל, אט דא איז געשטאנען די זעלבע שאלה: צי מ'מעג זיך אראפרוקן פון פינפטן ארט אויפ זעקסטן אדער אויפן זיבעטן און נאך ווייטער ניט נאר אלס פרט נאר אויך די עבודה וואס מ'טוט אין הפצת היהדות און הפצת המעיינות, והפצת התורה והמצוה בכלל, וואס אז מ'האט ווייניקער געלט מוז מען מצמצם זיין עכ"פ במקצת מן המקצת אין די עבודה בזה, וואס לולי ווען מ'פארשוויגט און מ'טוט וויל אט די וואס זאגן "שישו בני מעי" "אני את נפשי הצלתי" און ער קען שווייגן אויך היינט און מארגן פונקט ווי ער האט געשוויגן נעכטן און אייער-נעכטן - וואלט מען באקומען די געלט און די אמצעים און די אפשריות אויף נאך להוסיף אין הפצת היהדות?

איז דאך ידוע אויף דערויף דער סיפור פון ר' נחום טשערנאבעלער, וואס נשיא דורינו האט דאס דערציילט, און דערנאך געהייסן אויך אפדרוקן, און דאס איז אז בשעת מ'האט אים געבראכט א גרויבן סכום אלס א פדיון, און אזוי ווי ער האט געזעהן אז עס איז דא א כלה אן עני' וואס זי נויטיגט זיך צו האבן - האט ער מחליט געווען ער זאל דאס גלייך אפגעבן די כלה עני' אדער די עלטערן פון די כלה עני'.

איז אים גלייך איינגעפאלן א מחשבה, אז וואס איז דאס פאר א סדר מהנה זיין מיט איין גרויס'ער סכום איינע בשעת ער קען דאס פאנאנדערטיילן אויף כמה וכמה און אויך דעקן אבי'סעלע אויף די הוצאות הבית (וואס ס'איז דאך געווען רעב בביתו)! אוןאט דא איז ביי אים געווען (ווי ס'שטייט אין דער סיפור און שוין געדרוקט בארוכה) א ספק וועלכע טענה און סברא ער זאל אנבעמען:

דערנאך האט ער זיך אבער געכאפט אז די בחינה איז: נוען איז איינגעפאלן די סברא, ווען איז אים איינגעפאלן די סברא אויף פאנאנדערטיילן דעם סכום גדול צווישן כו"כ עניים ניט מלכתחילה, פריער איז געווען די סברא אז מ'האט אים געבראכט דער פדיון געהערט די געלט צו אים דארף ער דאס אפגעבן צו דער אין וועלכע ער איז מחוייב אין "שארה כסותה ועונתה" מחוייב לזנבה און בני ביתו.

דערנאך בשעת ס'איז אים איינגעפאלן אז ער זאל דאס געבן פאר א כלה עני' - אט דעמולט איז געקומען די טענה, ער זאל דאס פאנאנדערטיילן לכמה עניים. אויב דאס קומט פון יצ"ט וואלט ער דאס גלייך געדארפט אנהויבן איז א סימן אז דאס קומט פון דעם ארט וואס ער קען ניט פארליידן אז מ'זאל טאהן די מצוה גדולה פון הכנסת כלה! נאר אויב מען וועט אים זאגן די הסברה אז ער קען ניט פארליידן קיין מצוה וועט ער דאך ניט אננעמען האט מען דאס אנגעטאהן אין א טענה פון יר"ש: פאנאנדערטיילן בין כמה עניים און אויך עניי ביתך (קודמים).

עד"ז איז אין דערויף אויך:

אויב מ'הויבט אן שווייגן אט דעמולט ווען מ'גיט געלט אויף הפצת היהדות איז נאך אויך א ספק, שווייגן הויבט זיך אן דעמולט ווען מ'האט מורא אז מ'וועט ניט בושא חן זיין ביי פלוני בן פלוני דערנאך אז מ'מאכט א טומל היתכן, עס איז דאך דא אזוינע וואס טענה'ן "מדשחיק ש"מ אודי לי" איז אט דעמולט זוכט מען א הסברה מצד יראת שמים.

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

כולהו יומי, וואס דער פירוש הפשוט בזה איז אז דאס גייט אויף דער שבוע שלאחר השבת, אבער ווי גערעדט פריער בשם פון אלטן רבי'ן אז יעדער וואך ווערט א בריאה חדשה, ואופן חדש, וואס דאס איז א גאנצער סדר השתלשלות אין זמן - איז במילא די וואך וואס נאך שבת איז ניט נאר זעקס מעל"ע, נאר דאס איז כללות ענין הזמן (ווארום דערנאך איז אן אנדער אופן און אן אנדער בריאה),

איז מען ממשיך פון שבת אויף כללות ענין הזמן אין מעשה בפועל למטה מעשרה טפחים.

ב. כאמור לעיל אז בשבת איז די שלימות און העלאה פון ששת ימי השבוע, ובמילא אויך פון פורים, איז כאן המקום אויף משלים זיין אן ענין וואס מ'האט גערעדט פורים, וועגן דעם אז מרדכי האט זיך פארנומען מיט "ודובר שלום לכל זרעו" אין עסקנות ציבורית, כאטש אז דערפאר ~~האט~~ ער געמוזט ממעיט זיין אין זמן פון לימוד התורה וכו',

וואס דאס איז אויך געווען די הנהגה פון רבינו נשיאנו, וואס האט געטאן אין הפצת המעינות דורך עסקנות ציבורית, וואס אויף דעם איז אוועק רוב הזמן ועיקר המרץ, כאטש וואס אויף לימוד התורה בפועל איז געבליבן ווייניק זמן בכמות.

ואע"פ אז אין ענין יוצא מידי פשוטו, אז די כוונה איז הפצת המעינות בפועל, די מעינות פון תו' הבעש"ט, ביז ווי ס'איז אראפגעקומען אין רחובות הנהר פון חב"ד, ביז אין תכלית השלימות פון רחובות הנהר. האט מען אבער געזען ווי ס'איז געווען די הנהגה לפועל בדור האחרון, אז ווען מ'האט געשיקט א שליח אין א שטאט אדער א שטעטל, איז ניט געווען דער סדר אז ער האט זיך געזעצט לערנען א מאמר אדער א ענין אין חסידות, נאר רוב הזמן והמרץ איז אוועק אויף מסביר זיין בחיצות לימוד החסידות, געפינען א מקום מהאים וואו מען וועט זיך קענען צוזאמענקלייבן, און צונויף קלייבן די מענטשן אהינצו וכו', און נאר א מיעוט זמן בכמות בלייבט אויף חזר'ן דעם מאמר, שיחה, אדער דעם סיפור מנשיאינו רבותינו - דער לימוד בפועל.

און אזוי אויך האט מען געזען די הנהגה בפועל ביי רבותינו נשיאינו ובמיוחד איז אזוי געווען בדור פון כ"ק מו"ח אדמו"ר ובפרט בשנים האחרונות ובפרטי פרטיות במדינה זו.

ובקשר לזה האט מען גערעדט בנוגע וואס די מגילה זאגט וועגן מרדכי, [וואס ער איז געווען פון די סנהדרין, און נאך מערער - ראש הסנהדרין], אז ער איז געווען "רצוי לרוב אחיו", זאגט אויף דערויף די גמרא אין מגילה (טז, ב): "לרוב אחיו ולא לכל אחיו, מלמד שפרשו ממנו מקצה סנהדרין", דערפאר וואס ער האט זיך עוסק געווען בצרכי ציבור, און ער האט ניט געקענט אפגעבן זיך צו לימוד התורה אזוי ווי פריער.

וואס דא פרעגט זיך די שאלה: ממה נפשך, אויב ע"פ תורה האט עס מרדכי געדארפט טאן - איז פארוואס "פרשו ממנו מקצה סנהדרין"? און אויב מרדכי האט עס ניט געטארט טאן - קען דאך ניט זיין אז, ח"ו, מרדכי זאל דאס טאן.

אויך: דערפון וואס די גמרא (שם) זאגט אז "גדול תלמוד תורה יותר מהצלת נפשות" וואס דערפאר איז פאר דערויף וואס מרדכי איז געווען א משנה למלך, וואס אין דערויף האט ער זיך עוסק געווען אין הצלת נפשות, האט מען איס גערעכנט "לבחר ארבעה", און דערנאך - "לבחר חמשה" -

- וואס -

הנחה הת' בלתי מוגה

וואס דאס איז נאר וואס מ׳האט אים מוריד געווען מיט איין דרגא, אבער ער איז געבליבן א חבר בסנהדרין, זעט מען דערפון אז דאס וואס מ׳האט אים מוריד געווען, איז דאס געווען נאר בכדי צו מרמז זיין אז "גדול תלמוד תורה יותר מהצלת נפשות", און צוליב דערויף האט מען אים געמוזט מוריד זיין אויף איין דרגא - ווארום ווייניגער פון דעם קען דאך ניט זיין.

האט מען גערעדט דעם ביאור אין דעם, אז דאס איז פארשטאנדיק פון דעם לשון הגמרא גופא, וואס די גמ׳ זאגט "פירשו ממנו וכו׳" און ניט "חלקו עליו וכו׳". ד.ה. אז עס איז ניט געווען קיין מחלוקת און די "מקצת סנהדרין" וואס פרשו איז מערניט וויילע זייער סדר עבודה איז געווען באופן אחד, דער אופן פון "גדול תלמוד תורה יותר מהצלת נפשות", לימוד התורה כפשוטו, וואס דערפאר האבן זיי ניט מיטגעהאלטן מיט מרדכי׳ן, נאר זיי האבן זיך אפגעטיילט פון אים - "פרשו ממנו".

[אבער אין סנהדרין גופא, וויבאלד זייער ענין איז תורה, האט מען מוריד געווען מרדכי "לבחד חמשה", ווארום גדול תלמוד תורה וכו׳. כנ"ל],

אבער לכאורה דארף מען פארשטיין: ווי האט טאקע מרדכי מסכים געווען אויף יורד זיין פון "בתר ארבעה" צו "בתר חמשה"?

איז דער ביאור אין דעם: ווען מ׳קוקט אויף ענינים ווי זיי זיינען גדול אדער קטן, און ווי זיי זיינען בנוגע שכר ועונש - איז דעמולט "גדול תלמוד תורה יותר מהצלת נפשות", [וואס דערפאר איז אין סנהדרין, וואס זייער ענין איז תורה האט מען טאקע מוריד געווען מרדכי פון דעם פינפטן ארט צו דעם זעקסטן ארט, כנ"ל]; אבער בשעת מ׳קוקט אויף ענינים ווי זיי זיינען מצד מילוי רצון הבורא, איז דעמולט ניטא קיין חילוק פון א דבר גדול ביז א דבר קטן. און ווי דער אלטער רבי זאגט אין לקו"ת (שלח מ, א) אז אילו נצטווינו לחטוב עצים - וואלט מען דאס געטאן מיט א חיות כו׳, [אע"פ וואס אין חטיבת עצים איז ניטא קיין שום סגולה], מצד דערויף וואס דאס איז רצון וציווי הבורא.

און דערפאר האט מרדכי׳ן ניט געהארט די ירידה, וויסנדיק אז דאס איז דער רצה"ע, צו עוסק זיין זיך אין צרכי ציבור,

און אזוי בלייבט אויך די הלכה, ווי מ׳זעט דערפון וואס נאר מקצת סנהדרין פרשו ממנו, אבער רוב סנהדרין האבן געטאן אזוי ווי מרדכי, און תורה על הרוב תדבר.

און דאס איז א הוראה פון דער מגילה, וואס "לא יסוף מזרעם", אין אלע צייטן לבאו"א, אז אזוי דארף זיין דער סדר: עוסק בצרכי ציבור, אפי׳ אויב דורך דעם וועט פעלן אין לימוד התורה בפשוטו.

ביז אז דאס איז אויך א דין אין שו"ע (הב"י ושו"ע אדה"ז סי׳ ע סעיף ד) אז אויב ער איז "עוסק בצרכי רבים והגיע זמן קר"ש, לא יפסיק, אלא יגמור עסקיהם", און ווי ער ברייננגט דעם דין מיט׳ן טעם, ככתוב בהקדמת בני המחבר דעם אופן פון שו"ע אדה"ז. [נאר מ׳איז מוסיף אז "ואח"כ יקרא אם נשאר עת לקרוה"]. וואס דער דין שטייט אויך אין רמב"ם (הל׳ ק"ש פ"ב ה"ה), און מפרשי הרמב"ם זיינען מאריך אין דערויף אויף מבאר זיין דעם מקור פון רמב"ם: דער ב"י (או"ח סי׳ ע) זאגט, אז דער מקור איז דערפון וואס ס׳שטייט אין ירושלמי (ברכות פ"ה ה"א) אז דער וואס איז עוסק בצרכי רבים איז דאס פונקט ווי ער איז עוסק בתורה. אבער דער לחם משנה (שם) פרעגט אויף דערויף, און זאגט אז מ׳קען ניט זאגן אז דאס איז דער מקור, ווארום עס שטייט מערניט אז עס איז כאילו

הנחת הה׳ בלתי מוגה

- עוסק -

עוסק בת׳, גלייך מיט תורה, און א עוסק בתורה וואס תורתו אומנתו איז ער מפסיק לקר"ש, און דער רמב"ם זאגט דאך אז עוסק בצרכי רבים איז ניט מפסיק לק"ש העכער ווי אן עוסק בתורה. און דער מקור אויף דעם דין איז פון אנדערע ערטער, כמבואר במפרשי הרמב"ם שם.

וואס דערפון זעט מען די מעלה פון עוסק זיין בצרכי ציבור אפי׳ לגבי לימוד התורה.

לכאו׳ קען מען פרעגן: דער דין איז דאך ניט נוגע צו אונז, ווארום דער אלטער רבי איז ממשיך: "במה דברים אמורים, בדורות הראשונים, שהיו עוסקים עמהם לשם שמים, אבל עכשיו אין לפטור מק"ש" [און אע"פ אז דער ב"י (כס"מ בהל׳ ק"ש שם) (ברייינגט דעם חילוק בשם פון א קדמון – רבינו מנוח –, און ער) זאגט אז דאס האט ניט קיין ארט במילא נעמט ער דאס ניט אן – אבער דער אלטער רבי ברייינגט דאך דאס יע אראפ] –

איז אבער דער אלטער רבי ממשיך "אלא אם כן אין מי שישתדל אלא הוא" איז דעמולט אויך איצטער איז ער אינו מפסיק לק"ש, ביז אז נאכמער, אז דאס איז אזוי ניט נאר בנוגע הצלת נפשות, נאר, ווי דער אלטער רבי איז ממשיך, אז "אפילו עוסק בהצלת ממונם לבד, עוסק במצוה הוא, ולא יפסיק"; ועאכו"כ בענינינו אז עס רעדט זיך וועגן הצלת נפשות,

וואס דערפאר איז נוסף אויף דערויף וואס מ׳דארף דאס מקיים זיין מצד דעם וואס דער רבי דער נשיא האט אזוי געהייסן, און (וואס דעמולט איז ער דאס?) מקיים זיין דאס באופן של חוקה חקקתי גזירה גזרתי ואין לך רשות להרהר אחרי׳, ווארום עס רעדט זיך וועגן רבו וואס דארף זיין מורא רבו כמורא השכינה, (וואס מצד דערויף קען דאך זיין אזא וואס וועט זאגן אז עס איז ניט רבו, ווארום ער שטייט מן הצד, צי מלמעלה צי מלמטה), נאר דאכ איז א קלארער דין אין שו"ע, און תורה אחת לכולנו.

אבער מ׳דארף די באווארעניש ער זאל ניט זיין קיין משוחד, ווארום עס קען דאך זיין אז ער וויל ניט לערנען תורה, און <u>דערפאר</u> זוכט ער אנדערע ענינים [און דעמולט וועט ער אין עסקנות הכלל אויך ניט מצליח זיין ח"ו, ווארום עס איז בורח מהר ס׳ני (דאה תוס׳ שבת קטז, א ד"ה פורענות. ובכ"מ)]; נאר עס איז מצד דערויף וואס ס׳איז פאראן משה וואס זאגט אז ס׳דארף זיין אזוי, וואס דעמולט איז דאס אין אן אופן פון "ויסע משה" (בשלח טו, כב) – הסיען בעל כרחן" (מכילתא ופירש"י שם), וואס משה איז זיי מסיע <u>בעל כרחן</u> (וראה שיחת ש"פ שמיני תשל"ד); וכמדובר אז דאס דארף זיין ברשות העומד על גביו [וואס בלשון המורגל הייסט עס: א מדריך רוחני, א משפיע, א משגיח, א ראש ישיבה] – און דעמולט איז רוב זמנו ומרצו וואס ער גיט אפ אויף הפצת המעיינות והיהדות, איז ער מקדיש אויף הפצת המעיינות אפי׳ אויב אויף לימוד התורה אין יענעם זמן וועט ביי אים בלייבן נאר א מיעוט זמן בכמות, און ער טוט עס בשמחה ובטוב לבב,

און ער טוט אויף עס זאל זיין "ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר", ביי זיך במילא ווערט דאס אויך ביי זיינע מודרכים מקבלים און מושפעים.

* * *

כאן המקום אויך אויף משלים זיין וואס מ׳האט גערעדט בשבת העברה (ש"פ תצוה פ׳ זכור) אויף פירוש רש"י עה"פ "ששה משמותם" (תצוה כח, י) וואס רש"י שטעלט זיך אויף "כתולדותם" און זאגט: "כסדר שנולדו. ראובן שמעון לוי <u>ו</u>יהודה דן <u>ו</u>נפתלי על האחת, ועל השני׳ גד <u>ו</u>אשר יששכר זבולן <u>ו</u>בנימין", וואס מ׳האט אויף דערויף געפרעגט, פארוואס ביי יהודא, נפתלי, אשר און בנימין שרייבט רש"י <u>מיט</u> א וא"ו?

– איז –

<u>הנחה הה׳ בלתי מוגה</u>